STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04953

BARIKHT FUN DER YIDISHER KEHILE IN VILNE 1928-1933

Permanent preservation of this book was made possible
by Florence Weisfeld
in honor of
Dinah Goodman Lukin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

באַריכט

פון דער „יידישער קהילה" אין ווילנע

1928—1933

1934 ווילנע

DRUKARNIA
Sp. Wytwórczo - Handlowa
WILNO, TROCKA 7.

אינהאלט:

הקדמה 7

א. ד"ר יעקב וויגאָדסקי: צו וואָס פאַר אַ קהלה מוזן מיר שטרעבן? 9

ב. אליעזר קרוק: 5 יאָר קהלה-אַרבעט 15

ג. אברהם-משה זיידשנור: די פּסיכאָלאָגישע באַציאונג פון דער ווילנער יידישער געזעלשאַפט צו דער קהלה . . 19

I אַלגעמיינער באַריכט 25

II וואַלן און קאָנסטיטואירונג פון קהלה-ראַט און פאַרוואַלטונג

א. וואַלן צום קהלה-ראַט 39

ב. וואַלן פון דער פאַרוואַלטונג 44

ג. די טעטיקייט פון ראַט 48

ד. טרויער-בלאַט 51

III באַריכטן פון די אָפּטיילונגען:

א. עטאַט-אָפּטיילונג 55

ב. וועגן דער קולטור-אַרבעט פון דער קהלה 63

ג. שטראַשון-ביבליאָטעק 69

ד. ביבליאָטעק „מפיצי-השכלה" 76

ה. אַנ-סקי-מוזיי 48

ו. אָפּטיילונג פאַר סאָציאַלער הילף 89
ז. יורידישע אָפּטיילונג 97
ח. בית-חיים=אָפּטיילונג 100
ט. ווירטשאַפטס-אָפּטיילונג 105
י. דער ראַבינאַט 112
יא. שחיטה 114
יב. שחיטת-עופות 117

IV פינאַנסיעלער באַריכט און באַלאַנסן פאַר 1933 - 1928 . 120

בילדער.

I. ד"ר וויגאָדסקי.

II. א. קרוק.

III. פאַרוואַלטונג פון דער ווילנער קהלה.

IV. ראַט פון דער ווילנער קהלה.

V. פרעזידיומס פון ראַט און פאַרוואַלטונג מיטן קהלה-פערסאָנאַל.

VI. קאָמיסיע פאַר סאָצ. פאַרזאָרגונג.

VII. בית-עולם און קבורה=קאָמיסיע.

VIII. פערסאָנאַל פון דער ווילנער קהלה.

הקדמה.

דער באַריכט, וואָס מיר לייגן דאָ פאָר, איז דער ערשטער פּרוב אָפּצו־געבן אַ דין־וחשבון דער יידישער עפנטליכקייט וועגן דער טעטיקייט פון דער ערשטער מלוכה'שאַפטליך־לעגאַליזירטער יידישער קהלה אין ווילנע.

דער באַשלוס אַרויסצוגעבן דעם קהלה־באַריכט איז אָנגענומען געוואָרן דורך דער פאַרוואַלטונג נאָך אין יאָר 1933 אין שייכות מיט דער פאַרענדיקונג פון דער קהלה־קאַדענץ, אָבער צוליב אַ גאַנצע ריי טעכנישע סיבות, ווי אויך צוליב די גרויסע אָרגאַניזאַציאָנס־שוועריקייטן און ברייט־צעוואַקסענעם אומפאַנג פון דער לויפנדיקער קהלה־אַרבעט, וואָס האָט איינגעשלונגען גאָר די אויפ־מערקזאַמקייט און ענערגיע פון דער פאַרוואַלטונג און פונ'ם קהלה־פּערסאָנאַל, האָט דער באַריכט, לײדער, נישט געקענט פאַרטיק ווערן צו דער באַשטימטער צייט און ערשיינט מיט אַ געוויסער פאַרשפּעטיקונג.

צוליב די אויבנדערמאָנטע סיבות איז אויך אוממעגליך געווען צו געבן אַ פולקאָמען און גענויעם איבערזיכט איבער אַלע רעסאָרטן און טיילן פון דער ברייט־פאַרצווייגטער קהלה־טעטיקייט, בפרט, אַז דער קאָלאָסאַלער מאַטעריאַל, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט פאַר דעם כמעט 5־יאָריקן קאַדענץ־פּעריאָד, וואָלט געפאָדערט אַ סך צייט און מי, כדי אים ווי געהעריק צו באַאַרבעטן און סיסטעמאַטיזירן. ס'מוז אויך דערמאָנט ווערן, אַז אין קהלה האָט ביז אַהער געפעלט דער געהעריקער אַמט, וואָס זאָל ספּעציעל פאַרנעמען זיך מיטן סעגרעגירן און בהדרגה'דיק באַאַרבעטן דעם פאַרשיידענעם מאַטעריאַל פאַרן אַרכיוו און פאַר דער געשיכטע פון דער קהלה. מ'האָט זיך דעריבער געמוזט באַגנוגענען מיט דעם מאַטעריאַל, וואָס האָט זיך געפונען אונטערן האַנט אָדער וואָס האָט זיך געלאָזט לייכטער צוצוגרייטן און באַאַרבעטן. דאָס האָט אויך גורם געווען צו אַ געוויסער דיספּראָפּאָרץ אין די באַריכטן פון די באַזונדערע אָפּטיילונגען, פון וועלכע אייניקע זיינען באַהאַנדלט געוואָרן אויס־פירלעכער און די אַנדערע — ניט־גענוגענד.

אָבער ביי די אַלע דעפעקטן, וועלכע זיינען תּמיד אומפאַרמיידלעך, דאַרף מען דאָך אונטערשטרייכן, אַז דער קהלה־באַריכט אַנטהאַלט אַ רייכן מאַטעריאַל און האָט אויסצופילן פאָלגנדע אויפגאַבן:

1. צו געבן די ווילנער יידן, וועלכע טראָגן די לאַסטן פאַר דער קהלה, אַ דין־וחשבון וועגן דעם, ווי אַזוי און אויף וועלכע צוועקן ס'זיינען פאַרווענדעט געוואָרן די אַלע איינגעפלאָסענע געלטער.

2. צו טיילן זיך מיט אַנדערע קהלות סיי אין פוילן און סיי אין אויסלאַנד הן מיט דעם סטאַטיסטישן מאַטעריאַל און הן מיט די דערוואָרבענע ערפאַרונגען אין פראַקטיק, ווי אַזוי ס'קען און דאַרף געפירט ווערן קהלה־אַרבעט און ווי אַזוי צו קאָאָרדינירן די טעטיקייט פון די קהלות.

3. צוצוגרייטן אַ סטאַטיסטישן און היסטאָרישן מאַטעריאַל, ווי פאַר די קינפטיקע דורות, אַזוי אויך פאַר די נאָכקומענדיקע קהלות אין ווילנע, וועלכע וועלן פון די דורכגעמאַכטע דערפאַרונגען פון דער אָפּטרעטענדיקער קהלה, פון אירע עליות און ירידות, קענען אָפּלערנען וואָס ס'איז געווען גוט אין איר אַרבעט און פאַרדינט נאָכגעמאַכט צו ווערן און וואָס, פאַרקערט, ס'מוז אויף להבא אויסגעמיטן ווערן.

צום סוף מוז נאָך באַטאָנט ווערן, אַז דער קהלה־באַריכט, וועלכער שליסט אָפּ אַ געוויסן פעריאָד, אפשר דעם שווערסטן און פאַראַנטוואָרטלעכסטן, אין אונזער קהלה־לעבן, איז אַ געשעעניש און אַ וויכטיקער צושטייער אין דער געשיכטע פון אונזער קהלה־וועזן בפרט און פון דער יידישער ירושלים־דליטאָ בכלל.

באַמערקטע דרוק-פעלערן.

זייט	שורה	אַנשטאָט	דאַרף זיין
58	טאַב. נומ. 1 שורה 2	6070 צאָלער	7070 צאָלער
59	טאַב. נומ. 2 שורה 7 •	עטאַט-נאָרמע 1—50	6—5`
60	טאַב נומ. 3 2—שפּ. ש׳ 5	49725^{12}	$94.725,^{12}$
61	13	1 זל.	6 זל.
61	15	1 זל.	6 זל.
74	24	23 פּערזאָן	230 פּערזאָן
75	11	1932 יאָר	1931 יאָר
106	14	שטראַשון 3	שטראַשון 3 און 6
121	1 שפּ .1 שורה	240 (V טייל סובס.)	2.400
136	דעבעט: 5	187^{50}	1187^{50}

ד"ר יעקב וויגאָדסקי

(פאָרזיצער פון קהלה־ראַט)

ד״ר יעקב וויגאָדסקי
(פּרעזעס פון דער יידישער קהלה)

צו וואָס פאַר אַ קהלה מוזן מיר שטרעבן?

א.

דער געפיל פון אָנגעהעריקייט צו דעם יידישן פאָלקס-קבוץ, פון וועלכן איטליכער יחיד איז נאָר אַ קלייניקער טיילכעלע, איז אפשר די גרעסטע מעלה, וועלכע האָט זיך ביי יידן אַנטוויקלט אונטער דעם דרוק פון דעם שמערצליכן קינסטלעכן אָפּקלייבונגס-פּראָצעס, וואָס דער צוויי-טויזנטיאָריקער אכזריותדיקער גלות האָט אָן קיין שום הפסקה אויסגעפירט ביי יידן: ווען יעדער ייד וואָלט זיך פאַרטיידיקט און געקעמפט גאַנץ אַליין, וואָלט ער געמוזט אונטערגיין. נאָר דער כלל, דער פאָלקס-קבוץ, האָט געהאַט געענוג דער עיקר גייסטיקע כחות אויף אַריבערצוטראָגן די אַלע געברענטע צרות און ניט דערהערטע פאַרפאָלגונגען, וועלכע האָבן זיך ניט אויפגעהערט צו שיטן אויף אים, ווי פון אַ שפע-האָרן!

דעריבער מערקן מיר, ווי דורך דער גאַנצער געשיכטע פון יידישע שטעט און אפילו שטעטלעך ציט זיך, ווי אַ רויטער פאָדים, די פאַראייניקנדיקע, שיצענדיקע און אויפבויענדיקע אַרבעט פון יידישע קהלות. זיי טראָגן אפשר ניט שטענדיק דעם נאָמען קהלות, זיי האָבן ניט זעלטן גאַנץ משונהדיקע נעמען, וואָס שטאַמען פון זייערע באַזונדערע פילאַנטראָפּישע, רעליגיעזע אָדער קולטורעלע פונקציעס; אָבער לויט דעם תוכן נאָך זיינען זיי קהלות, ד. ה. די צענטרען פון דעם אָרגאַניזירטן יידישן קבוץ, וואו יידן האָבן אַנטוויקלט זייערע שוץ-כחות, זייער זעלבסט-הילף און זייער ריזיקן פאַסיוון ווידערשטאַנד, וועלכע האָבן סוף-כל-סוף אָפּגעהאַלטן אַ נצחון איבער אַ גאַנצע וועלט פון שונאים און האָבן אָפּגעראַטעוועט דעם יידישן קיום פון אונטערגאַנג.

קוקן מיר זיך עטוואָס נעענטער צו, מערקן מיר אויך, דאָס אומעטום, וואו יידן האָבן נאָר געלעבט, גייט די דאָזיקע אָרגאַניזירנדיקע אַרבעט פון די קהלות גאַנץ פּאַראַלעל צו די פאַרפאָלגונגען, וועלכע יידן האָבן געמוזט אויס-

שטיין: וואָס שטאַרקער די לעצטע זיינען געוואָרן, אַלץ ענגער, אַלץ אײַנ־טימער האָבן זיך יידן צענויפגענומען, אַלץ נרעסער, אַלץ פּילזייטיקער איז דאַן געוואָרן דער אָרגאַניזירנדער און דער שיצנדער כּוח פון די יידישע קהלות.

ווייטער זעען מיר, דאָס די נייע יידישע געשיכטע ווייזט אַרויס די קאָנצענטראַציע און פאַרשטאַרקונג פון יידישע כּחות און אויך פון די קהלה־אָרגאַניזאַציעס בשעת די אַזוי אָפטע יידישע ירידות. פאַרקערט, די זעלטענע עליות אָדער, בעסער געזאָגט, די כּלומרשטע עליות, ווען יידן באַקומען, למשל, ערגעצוואו הבטחות אָדער פאַפּירענע רעכט, רופט גלייך אַרויס אַ צענטריפוגאַלן כּח אין די יידישע קבוצים: אַ היפּשער טייל יידן, דער עיקר די רייכע און די געבילדעטע, הויבן באַלד אָן צו דינען דער עבודה־זרה פון פרעמדע קולטורן, ציען זיך מיט אַלע כּחות און קענען זיך אָבער ניט אַסימילירן...

דאַן ווערט אויך די צענטראַליזירנדע אַרבעט פון די קהלות שטאַרק אָפּגעשוואַכט, ביז עס הויבט זיך באַלד ניט אויף ביי יידן, ווי דער שטייגער איז, אַ שטאַרקע ירידה, וועלכע וואַרפט אַ העלע ליכט אויף די פאַפּירענע גלייכבאַרעכטיקונגען מכּל המינים און אויף די פאַקטישע ניט־גלייכבאַרעכטיקונג; דאַן הויבט זיך ווידער אָן אַ פאַרשטאַרקטע אַרבעט פון דעם נאַציאָנאַלן זעלבסט־שוץ. און אַזוי גייט עס כּסדר...

כּל־זמן די יידישע גלייכבאַרעכטיקונג וועט ניט אַריינדרינגען גאַנץ טיף אין דעם רעכטס־באַוואוסטזיין פון אַלע פעלקער, צווישן וועלכע זיי לעבן, כּל זמן יידן וועלן זיין פ אַ ק ט י ש ניט גלייכבאַרעכטיקט הן אין זייער ציווילן, הן אין זייער פּאָליטישן און הן אין זייער נאַציאָנאַל־קולטורעלן רעכט, — וועלן יידן זיך נויטיקן אין קהלות אַלס צענטרען פאַר אָרגאַניזירן די אָרטיקע קבוצים און, דער עיקר — זייער זעלבסטשוץ! ערשט, ווען יידן וועלן ווערן פאַקטיש פולשטענדיק גלייכבאַרעכטיקט, וועלן זיי זיך קענען אין עקאָנאָמישן און פּאָליטישן פּרט צענויפגיסן אינגאַנצן מיט די אַנטשפּרעכנדע גרופּירונגען פון די מערהייטס־פעלקער, צווישן וועלכע זיי לעבן. אָבער אויך דאַן וועלן זיי זיך נויטיקן אין אָרטיקע קהלה־אָרגאַניזאַציעס פאַר זייער נאַציאָנאַל־קולטו־רעלער אַרבעט.

נאָר מענטשן, וואָס האָבן קיין שום היסטאָרישע פּערספּעקטיווע ניט, קענען מיינען, אַז דער דאָזיקער רעזולטאַט קען קומען אַלס אַ פּועל־יוצא פון אַ פּאָליטישער אָדער געזעלשאַפטלעכער איבערקערעניש: לכל הפּחות דער ביז־איצטיקער לעבן אין רוסלאַנד פאַר די לעצטע 15 יאָר באַווייזט, אַז דער סאָציאַליזם איז דערוויילע פונקט אַזוי ווייניק אימשטאַנד צו לייזן די יידישע שאלה, ווי די אַלע פּאָליטישע איבערקערענישן, וואָס זיינען פאָרגעקומען פאַר דער סאָציאַלער רוסישער רעוואָלוציע.

ב.

לויט מיין אויפפאַסונג פון דער יידישער שאלה, וועלכע איך האָב שוין מיט אַ סך יאָר פריער באַגרינדעט און וועלכע האָט זיך ביי מיר פון דאַן אָן נאָך מער פאַרפעסטיקט און אויפגעקלערט, באַשטייט די לייזונג פון דער יידישער שאלה אין שאַפן נאָרמאַלע תּנאים פאַר דער קאָנ-קורענץ צווישן יידן און ניט-יידן אויף אַלע געביטן פון דער מענטשלעכער אַרבעט.

די לייזונג פון דער יידישער שאלה קען דעריבער נאָר קומען אַלס אַ פּועל-יוצא פון אַ לאַנגן, אָרגאַניזירטן קאַמף מצד יידן קעגן זייער פּאַקטישער ניט-גלייכבאַרעכטיקונג און קודם כל אויף דעם עקאָנאָמישן געביט.

אין דעם דאָזיקן קאַמף קענען און מוזן די קהלות מיט דער הילף פון די אָרטיקע ווירטשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס, זייער אַ סך אויפטאָן: די קהלות מוזן קאָאָרדינירן די אַרבעט פון פאַרשיידענע ווירטשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס און זאָרגן, דאָס זיי זאָלן שטיין אויף דער נויטיקער הויך און זאָלן חס-וחלילה ניט ווערן אָפּגעשטאַנען. באַזונדערס נויטיק איז דאָס ביי האַנטווערקער, וועלכע געוויסע פּאָליטיקער האָבן די לעצטע יאָרן מיט אַלע כּחות געשטרעבט אַראָפּ-צופירן פון זייער פּראָפעסיאָנעלער אַרבעט און אַריינשלעפּן אין דער בלאָטע פון אַ דעמאַגאָגישער גראָשענער „פּאָליטיק“!

ווייטער מוזן די קהלות העלפן די פּראָפעסיאָנעלע ווירטשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס אין זייער שטרעבן צו פאַרברייטערן זייער אַרבעטס-פעלד און בכלל אין זייער שווערן קאַמף פאַר זייער רעכט אויף אַרבעט. ביז איצטער האָבן די קהלות דערפאַר אַ פינגער אין קאַלטע וואַסער ניט אַריינגעטאָן; די פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס, אַלס אַזעלכע, האָבן זיך וועגן דעם אויך זייער ווייניק געקימערט. דער קאַמף האָט דעריבער געטראָגן ניט אַן אַלגעמיינעם, נאָר אַן אינדיווידועלן כאַראַקטער: יעדער איינער האָט געקעמפט פאַר זיך. דעריבער האָט מען, דער עיקר ביי די סוחרים, די דאָזיקע יחידים אַזוי גרינג געפאַנגען אין דער נעץ פון „דאָסטאַוועס“, שטייער-הנחות, „אָרדערן“ וכדומה... פון די דאָזיקע יחידים רעקרוטירן זיך די אַלע פאַרקויפטע נשמות, וואָס „גייען מיט דער רעגירונג“, אַלץ איינס, וואָס פאַר אַ רעגירונג...

ווייטער, אין דעם אָרגאַניזירן אַ וואָלוועלן אָדער אָנפּראָצענטיקן קרעדיט, וואָס איז אַ לעבנס-פראַגע פאַר אונדזערע ברייטע מאַסן, האָבן די קהלות ביז איצטער כּמעט קיין שום אָנטייל ניט גענומען. אַ קהלה קען און מוז דאָ זייער פיל אויפטאָן...

בכלל האָבן די קהלות ביז איצטער זייער ווייניק געזאָרגט פאַר די עקאָנאָמישע נויטן פון אונדזערע מאַסן אויף די ערטער, פאַרלאָזנדיק זיך אויף די פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן זיך באַשעפטיקט מער מיט

דעמאַגאָגישער פּאָליטיק, איידער מיט דער עקאָנאָמישער נויט פון זייערע מיטגלידער... אַ יידישע קהלה אין פוילן, ווי זי זאָל זיך ניט רופן, מוז זאָרגן פאַר די עקאָנאָמישע נויטן פון די ברייטע יידישע מאַסן, און קודם כל פאַר די אָרימע און אָרימסטע פון זיי.

אַ יידישע קהלה עקזיסטירט דער עיקר פאַר אָרימע יידן!

אין פּאָליטישן פּרט מוז אַ היינטיקע קהלה אין פוילן שטרעבן צו דערנענטערן די פאַרשיידענע יידישע פּאָליטישע פּאַרטייען, וועלכע ווייזן ארויס אזא בייזע און ווילדע צעריסנקייט. די לעצטע איז אַ סימן מובהק פון זייער אַ נידעריקער קולטור. ווען מען פאַרשאַרפט ניט אויפן דעמאַגאגישן אופן די „גרויסע סתירות" און „היפוכים", וואס רייסן כלומרשט פאַרנאַנדער די יידישע פּאַרטייען און די קהלות, ווייזט זיך באַלד ארויס, דאס זיי קענען כמעט שטענדיק צווישן זיך דורכקומען און פּראָדוקטיוו ארבעטן.

און דווקא די ווילנער קהלות פאַר די לעצטע זיבעצן יאָר קענען גלענצענד אילוסטרירן דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט. ביז צו דער לעצטער „רעליגיעזער" קהלה, וואו עס האָבן זיך אַריינגעריסן צופיל קולטורעלע און אַנטי־סאָציאַלע עלעמענטן, זיינען די אַלע גרויסע קהלות פון דער צייט פון דער וועלט-מלחמה געשטאַנען אויף דער געהעריקער הויך: מענטשן פון פאַרשיידענע ריכטונגען האָבן זיך איינגעאַרבעט און איינגעלעבט צווישן זיך. נאַטירלעך, האָט איטליכע אמתע ריכטונג (אַזוינע זיינען פאַראַן ניט פיל) דערהאַלטן איר פּרצוף, זי האָט נאָר די הויפּט-וואָג געלייגט אויף דעם, וואָס פאַראייניקט די ריכטונגען און ניט אויף דעם, וואָס דערווייטערט זיי איינע פון דער אַנדערער.

אַ קהילה, וועלכע פּאַרטיי ס'זאָל ביי איר ניט שטיין בראש, מוז, אויף וויפל ס'איז נאָר מעגליך, אויסמיידן צו מאַאָריזירן די שוואַכער פאַרגעשטעלטע גרופּירונגען. דאַן קען אָפּט קומען צום אויסדרוק די אמתע נאַציאָנאַלע אַחדות, וואָס קלאָגעדיקע טעאָרעטיקער און נאַאיווע פּראַקטיקער האָבן אַזוי באַנאַל פאַרמאוסט... דעריבער איז די גרונט-ליניע פון אַ קהלה-פּאָליטיק די נאַציאָנאַלע! נאָר מיט אַזאַ מין אַחדות קענען מיר מאַכן פון די קהלות דאָס, וואָס מיר מוזן האָבן און ניט דאָס, וואָס אַן אַנדערער וויל אונדז אָנוואַרפן.

אויף אַזאַ אופן איז אונז געלונגען די גרויסע קהלות פון דער צייט פון דער וועלט־מלחמה און פון די ערשטע יאָרן נאָך דער וועלט־מלחמה צו דער־הויבן ביז צו אַ מצב פון אַ שיינעם נאַציאָנאַל-ראַט!... נאָר מיט פאַראייניקטע כחות קענען מיר שאַפן אַפילו ביי די איצטיגע קהלה־תקנות אַזוינע קהלות, וועלכע מיר באַדאַרפן, ווייל יעדער אינסטיטוציע ווערט דאָס, וואָס אירע מיט־גלידער מאַכן פון איר און ניט דאָס, וואָס אירע תקנות דיקטירן!...

וואָס איז שייך די פינאַנסיעלע פּאָליטיק פון די קהלות, מוז זי שטרעבן

צו געפינען וואָס מער הכנסה־מקורים ח ו ץ ד ע ם ע ט אַ ט, וועלכער טאָר נישט מער באַלאַסטן די אַזוי אויך שווער באַלאַסטעטע מאָגערע פּלייצעס פון די יידישע שטייער־צאָלער.

אויך מיט דעם ענין שטייער, וואָס איז אַזאַ אָנגעווייטיקטער ביי אונזערע מאַסן, מוז א קהילה זיך אַ סך מער פאַראינטערעסירן שוין מחמת דעם, וואָס די פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס אינטערעסירן זיך דערמיט על פּי רוב ליידער צו ווייניק.

ג.

דער ווינקעלשטיין פון אַ יידישער קהלה אין פּוילן מוז זיין די נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע ק ו ל ט ו ר און דער עיקר די שולן (מיט דעם לערן־לשון העברעאיש אָדער יידיש). געוויס, קען גאָר קיין רייד ניט זיין, דאָס אַ קהלה זאָל אויסהאַלטן די פאָלקס־שולן: ניט זי קען דאָס, ניט זי וועט דאָס אַמאָל קענען! פאָלקס־שולן מוזן אויסגעהאַלטן ווערן פון דעם מלוכה־אוצר (פּערסאָנעלע אָפּצאָלונגען און לערן־מכשירים) און פון די אַליין־פאַרוואַלטונגען (זאַכן־אָפּצאָלונגען). דערווייל מוזן זיי די עלטערן אויסהאַלטן דורך דעם שכר־למוד און די קהלה — דורך סובסידיעס, וואָס זאָלן דערגיין ביז 30 — 40% פון איר יאָריקן ביודזשעט! די אָפּצאָלונגען, וועלכע באַקומען זיך פון שטאָט־ראַט, מוזן אויך אַריינגיין קודם כל אין דער קהלה און ניט אין די שול־צענטראַלעס. אַ קהלה טאָר קיינמאָל ניט פאַרגעסן, דאָס ביי די איצטיקע פאַרהעלטענישן איז איטליכע יידישע שול, וואָס ווערט געשלאָסן, אַ פאַרלאָרענע אויף שטענדיק!...

דער ענין שולן איז פאַר אונדז זייער אַ שווערער און — אויך דאָ קענען מיר מיט גרויס מאַטערניש דורכשטופּן די שווערע צייט נאָר מיט פאַראייניקטע כחות!

אַ גרויסן און אַ גאַנץ געהויבענעם אָרט מוזן ביי דער קהלה פאַרנעמען די יידישע סטודענטן, וואָס געפינען זיך אין זייער אַ שווערער לאַגע. די קהלה מוז זאָרגן אַ סך מער, ווי ביז איצטער, פאַר דעם צוזוואוקס פון דער יידישער נאַציאָנאַלער אינטעליגענץ.

זייער אַ וויכטיקע קולטורעלע אינסטיטוציע איז ד ע ר י י ד י ש ע ר ט ע אַ ט ע ר, וועמען איטליכע קהלה מוז קומען צוהילף, נאָר ניט דורך דער פאַרמיטלונג פון די „טעאַטער־געזעלשאַפטן”, וואָס זיינען על פי רוב לאַ־יוצלח׳דיקע קליינלעך פאַר פאַרטייאישער דעמאַגאָגיע... איטליכע קהלה, לכל הפחות פון אַ גרעסערער שטאָט, מוז האָבן אַ מ ו ז ע א ו ם, וואָס מוז זיין קודם כל אַ קהלה־אייגנטום.

אין דעם יידישן לעבן פאַרנעמט ארץ־ישראל שוין איצטער אַזאַ וויכטיק אָרט, פאַרשטעלנדיק מיט זיך דעם אייניציקן ליכט־שטראַל אין דעם חושך

ואפלה, וואָס באַדעקט פון אַלע זייטן אונדזער הימל, דאָס מען קען זיך נאָר וואונדערן, פאַרוואָס פאַרנעמט ארץ־ישראל אין די קלאָגעדיקע יידישע קהלות אין פוילן אַזאַ באַשיידענעם אָרט! אין אַ קהלה, וואָס פאַרדינט דעם דאָזיקן נאָמען, מוז זי פאַרנעמען איינע פון די ערשטע ערטער, ווייל דאָס איז דאָס גרעסטע און דאָס שענסטע, וואָס מיר פאַרמאָגן און ווייל דאָס איז אונדזער איינציקע האָפנונג אויף אַ ליכטיקן עתיד.

צו אַזאַ מין קהלה מוזן מיר שטרעבן, ניט קוקנדיק אויף אַלע זייער גרויסע מניעות, וואָס שטייען אונדז אין וועג, ווייל נאָר אַזאַ קהלה דאַרפן מיר נויטיק האָבן. ביז אָבער מיר וועלן דאָס קענען איינפירן אין לעבן, מוזן מיר מיט אַלע כחות שטרעבן אויסצובויען אַזאַ קהלה אויך פון דעם שלעכטן, ניט מאָדערנעם מאַטעריאַל פון די איצטיקע רעליגיעזע קהלות...*)

---

*) איך באַריר ניט די באַפרידיקונג פון די רעליגיעזע הצטרכותן מצד אַ קהלה, ווייל דאָס איז אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך, פון וועלכער קיין קהלה קען זיך איצטער ניט אַרויסדרייען...

אליעזר קרוק

(פאָרזיצער פון קהלה־פאַרוואַלטונג)

אליעזר קרוק
(פאָרזיצער פון קהלה-פאַרוואַלטונג).

5 יאָר קהלה-אַרבעט.

צוטרעטענדיק אונטערצופירן אַ סך-הכּל פאַר די 5 יאָר אָפּגעטאָנענער אַרבעט אין דער קהלה, איז קודם כּל נויטיק באַטראַכטן די באַדינגונגען, ביי וועלכע ס'איז אויסגעקומען די אַרבעט צו פירן. און אויף אייניקע פון זיי וויל איך מיר עטוואָס גענויער אָפּשטעלן.

די רעגירונג באַטראַכט פאַר אַ באַזונדער פריווילעגיע דאָס רעכט פון דער קהלה צו באַשטייערן אירע מיטגלידער (עטאַט) מיטן צוועק צו זיכערן די הוצאות-פאָזיציעס, וועלכע די קהלה טראָגט אַריין אין אירע בודזשעטן. אָבער אָט דער ענין באַגעגנט עד היום דעם גרעסטן ווידערשטאַנד און אומצופרידנהייט מצד די עטאַט-צאָלער. אין די קהלות פון קאָנגרעס-פוילן און גאַליציע איז דער עטאַט שוין פון לאַנג איינגעפירט; ביי אונדז איז דאָס געווען אַ נייס, אַזוי אַז ביי דער אומגעהויער באַלאַסטונג מיט אָן אַ שעור שטייערן איז דער קהלה-עטאַט באַטראַכט געוואָרן ווי נאָך אַן אָנשיקעניש, און אַזוי לאַנג ווי דער צוואַנג איז ניט איינגעפירט געוואָרן (דער צוואַנג האָט אָנגעהויבן גילטן ערשט אין 1932 יאָר) האָט די קהלה געליטן פון אַ פערמאַנענטן געלט-מאַנגל, מחמת אַ באַדייטנדער טייל, גראָד פון די פאַרמעגלעכע צאָלער, האָבן זיך ניט געאַיילט מיטן אַריינטראָגן דעם עטאַט. און ניט איינמאָל האָט די קהלה געזוכט מיטלען צו ווירקן אויף די ניט-צאָלער סיי דורך די אינקאַסענטן, סיי דורך ספּעציעלע אויפרופן און ווענדונגען, אָבער ניט אַלע מאָל האָט דאָס געווירקט.

די קהלה האָט דאָך געגלויבט, אַז מיטן מאָמענט, ווען זי וועט באַקומען דאָס רעכט פון צוואַנגס-אויפמאָנונג וועט זי זיך קאָנען פאַרנאַנדערצאָלן מיט אַלע אירע בעלי-חובות און אָנהייבן צו פירן אַ נאָרמאַלע ווירטשאַפט. ס'האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז דער קריזיס איז פיל שטאַרקער, ווי די אַלע געשריבענע געזעצן! דער זעלבער עטאַט-צאָלער, ביי וועלכן מ'האָט נאָך מיט 2 אָדער 3 יאָר צוריק לייכט געקאָנט אויפמאָנען דעם שטייער, געפינט זיך שוין היינט אין אַזאַ לאַגע, אַז אים אינטערעסירט שוין גאָר ניט מיט וויפל מ'האָט אים באַשטייערט און ער דערשרעקט זיך שוין אויך ניט פאַר דעם

„געלן צעטל" פון דער שטייער-קאַמער, ווייל ער האָט שוין ניט וואָס צו פאַרלירן...

די פאַרוואַלטונג האָט זיך געמוזט רעכענען מיט דער דאָזיקער לאַגע און האָט די איינציקע רעטונג געזען אין שאַפן אַ ביודזשעט לויט די פינאַנסיעלע מעגלעכקייטן און האָט זיך מיט אַלע כּחות געווערט קעגן אָננעמען אַן אויפגעשרויפטן ביודזשעט, וועלכן ס'איז ניט מעגליך אויסצופירן. דאָס האָבן אָבער אַ טייל פון דער יידישער געזעלשאַפט און זאָגאַר ראַטמענער ניט געוואָלט פאַרשטיין און געפאָדערט וואָס גרעסערע סומען פאַר דער אָדער יענער יידישער אינסטיטוציע. למען האמת מוז מען זאָגן, אַז ס'האָבן אויך ניט געפעלט אַזעלכע, וואָס האָבן בכּיוון געפירט אַ העץ-קאָמפּאַניע קעגן דער קהלה און געזוכט מיט אַלע מיטלען איר צו דיסקרעדיטירן אין די אויגן פון דער באַפעלקערונג, טענהנ'דיק, אַז זי האָט כּלומרשט קיין פאַרשטענדניש ניט פאַר די קולטורעלע, רעליגיעזע אָדער פילאַנטראָפּישע הצטרכות, אָפּהענגיק דערפון, ווער ס'האָט די קאָמפּאַניע געפירט. ס'איז נאָך ביי אַלעמען פריש אין זכרון דער קאַמף, וואָס ס'האָט זיך געפירט אין דער קהלה ביים צונויפשטעלן דעם לעצטן ביודזשעט בשעת די פאַרוואַלטונג האָט געהאַלטן פאַר איר חוב צו וואָרענען, אָנווייזנדיק, אַז ס'איז נויטיק צו גיין אויפן וועג פון ווייטגייענדיקסטער שפּאָרזאַמקייט און רעדוקציעס פון אַלע פּאָזיציעס. דער ראַט האָט דאַן אויסגעטיילט אַ ספּעציעלע קאָמיסיע אויף צונויפצושטעלן אַ פּראָיעקט פון אַ ביודזשעט. דער ביודזשעט איז טאַקע צונויפגעשטעלט געוואָרן דורך דער קאָמיסיע, אָבער אין אַזאַ הויך, אַז אפילו נאָך די אַלע רעדוקציעס און פאַרקירצונגען, וואָס די פאַרוואַלטונג האָט שפּעטער אין אים אַריינגעטראָגן, איז ער דאָך געבליבן ווייט ניט קיין רעאַלער, אַזוי אַז דאָס אויספירן פונ'ם ביודזשעט וועט ווייט הינטערשטעליק בלייבן פון דעם פּראָיעקטירטן.

ס'האָבן אויך פאַרפירט אַלע האָפנונגען דערויף, אַז די איבערגענומענע קהלשע נחלאות וועלן געבן אַ געוויסע הכנסה דער קהלה און דערמיט פאַרגרינגערן דאָס אויספירן דעם ביודזשעט. צוערשט האָבן מיר געפונען, אַז די נחלאות זיינען באַלעסטיקט מיט אַזעלכע גרויסע שטייערן-חובות, אַז אפילו ביי נאָרמאַלע באַדינגונגען וועט דאַרפן דויערן פיל יאָרן ביז מ'וועט פון זיי קאָנען פּטור ווערן, בפרט, אַז די הכנסה פון די הייזער פאַלט פון טאָג צו טאָג און ס'דערגייט דערצו, אַז ס'גענוגט ניט אפילו אויף צו דעקן די לויפנדיקע הוצאות פון אויסהאַלטן די הייזער, אַזוי אַז די חובות אויף זיי וואַקסן כּסדר.

דאָסזעלבע איז אויך געשען מיט די הכנסות פון בית-עולם, וועלכע האָבן געשיינט אין משך פון אייניקע נאָרמאַלע יאָרן צו זיין סטאַבילע. די לעצטע יאָרן ווערט אָבער וואָס ווייטער אַלץ גרעסער די צאָל פון די, פאַר וועלכע מ'דאַרף געבן אומזיסטע קהלשע אויסריכטונג און ס'ווערט אַלץ ווייניקער די צאָל פון די, וואָס קאָנען באַצאָלן קבורה-געלט.

ניט בעסער באַשטייט אויך דער ענין שחיטה, וואָס ווערט אין פיל קהלות באַטראַכט אַלס דער הויפּט-מקור פון הכנסה. די הפקרות אויף דעם געביט צוליב דער „לינקער שחיטה" דערגרייכט אַזוי ווייט, אַז אַ גרויסער טייל פון די בהמות און עופות ווערט געשאָכטן אין געהיימע שחיטה-שטיבלאַך און שטאַלן ביי די ערגסטע היגיענישע און סאַניטאַרע באַדינגונגען, און קיין שום אַדמיניסטראַטיווער קאַמף קעגן דעם וועט ניט גענוג זיין, כּל זמן די יידישע געזעלשאַפט אַליין וועט ניט אָפּשאַצן ווי געהעריק דעם שאָדן, וואָס מ'ברענגט דערמיט דעם כּלל אין אַלע הינזיכטן און וועט ניט ענערגיש נעמען זיך צו באַקעמפן די אומלעגאַלע שחיטה.

להיפּוך צו די הכנסה-מעגלעכקייטן פון דער קהלה זיינען אָבער ניט לפי ערך געוואַקסן די פאָדערונגען צו דער קהלה צו פאַרגרעסערן די הוצאות. ס'איז ניט געווען קיין איין מוסד אָדער אַנשטאַלט, וועלכער זאָל זיך ניט נויטיקן אין אַ גרעסערער אָדער קלענערער געלט-אונטערשטיצונג און וועלכן ס'זאָל ניט דראָען די געפאַר פון אונטערגאַנג. און כּמעט אַלע זיינען גרייט געווען איבערצוגעבן דער קהלה זייערע אינסטיטוציעס אויף אויסצוהאַלטן אָדער געפאָדערט באַדייטנדע סומען אַלס סובסידיעס. די נויט און פאַרשוּלדי-קונג פון אַלע אָן אויסנאַם פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס פון איין זייט און דאָס כּסדרדיקע פאַרקלענערן זיך פון די הכנסות (דער „דזשוינט" האָט שוין פון לאַנג אויפגעהערט צו שטיצן זיי, די מלוכה, ווידער, האָט כּמעט קיינמאָל אויף די יידישע אינסטיטוציעס ניט געגעבן, די שטאָטישע זעלבסט-פאַרוואַלטונג האָט צוליבן קריזיס באַדייטנד פאַרקלענערט אירע סובווענצן און אויך די פּריוואַטע אָפּפערווילּיקייט איז צוליב באַקאַנטע טעמים געפאַלן ביז אַ מינימום) — דאָס אַלץ האָט גורם געווען דערצו, אַז דעם הויפּט-געוויכט האָט מען געלייגט אויף דער קהלה, האַלטנדיק, אַז נאָר זי איז מחויב צו לינדערן זייער נויט און ממילא זיינען די פאָדערונגען צו דער קהלה געוואַקסן מיט יעדן טאָג.

וועגן אונדזערע קולטורעלע מוסדות, וועלכע זיינען ביי דער ווילנער יידישער באַפעלקערונג איינגעבאַקן טיף אין האַרצן, און וועלכע ראַנגלען זיך שוין פון לאַנג ביטער פאַר זייער קיום, איז דאָך שוין אָפּגערעדט. וואָס קען זיין ביליכער ווי אונדזערע שולן? און אַלע האָבן געפאָדערט מ'זאָל געבן זיי וואָס מער געלט. מ'האָט פאַרלאַנגט פון דער קהלה, זי זאָל אויף זיך נעמען ניט מער און ניט ווייניקער ווי די מלוכה-התחייבותן און זיי אינגאַנצן אויס-האַלטן. די קהלה האָט אָבער ביי איר בעסטן ווילן ניט געהאַט די מעגלעכ-קייטן אַנטקעגנצוקומען די פאָדערונגען אין דער פולער מאָס און דאָס האָט פיל מאָל אַרויסגערופן אומנוציקע פאַרביטערונגען און מלחמות, וואָס האָבן ניט פאַרשאַפט קיין כּבוד דער יידישער ווילנע.

אויך די רעליגיעזע מוסדות און דער ראַבינאַט האָבן געפאָדערט אַ באַ-דייטנדע פאַרגרעסערונג פון די הוצאות אין ביודזשעט, כּדי צו דערפירן צו

אַזאַ מצב, ווי ס'פּאַסט פאַר אַזאַ קהלה, ווי ירושלים-דליטא. דאָס אײַנלאַדן אַ שטענדיקן חזן און כאָר פאַר דער שטאָט-שול, דאָס אײַנשטעלן רעגולערע שכירות פאַרן ראַבינאַט, דאָס אָרגאַניזירן אַ געהעריקע כשרות-השגחה, באַזונ-דערס די גרויסע פּסח-אַקציעס און כשרע קיך פאַר סאָלדאַטן און אַרעסטאַנטן און פיל אַנדערע אַקציעס האָבן פאַרנומען אַ באַדײַטנדן אָרט אין דעם קהלה-ביודזשעט.

די אַלע אומשטענדן: פון איין זײַט דאָס באַשטײַערן די ייִדישע באַפעל-קערונג אין אַזאַ שווערער צײַט מיט דעם קהלה-עטאַט, און פון דער צווייטער זײַט — דאָס ניט קאָנען באַפרידיקן די אַלע נויטן אין אַ גענוגנדער מאָס, ווי דאָס וואָלט געדאַרפט זײַן בײַ נאָרמאַלע באַדינגונגען, — דאָס אַלץ האָט געגעבן גענוג שטאָף פאַר די כּלערליי העצער און אינטריגאַנטן צו פירן אַ שטענדיקן קאַמף קעגן דער קהלה אַלס אַ גאַנצע און קעגן אירע איבערגעבענע טוער בפרט, און ניט איינמאָל זײַנען די לעצטע דערפירט געוואָרן ביז צו דער גרעסטער פאַרצווייפלונג און ביז דער גרייטקייט אַוועקצוּוואַרפן אַלץ און אַנטלויפן... און נאָר אַ דאַנק זייער אחריות-געפיל און געדולד, ווי אויך דאָס באַוואוסטזײַן, אַז מיטן קאָנצענטרירן דעם גאַנצן קהלשן פאַרמעגן בײַ דער קהלה איז ענדליך געלייגט געוואָרן אַ פעסטער יסוד פאַר די צוקינפטיקע קהלות, און אַז די שפּעטערדיקע קהלות וועלן שוין קאָנען אפשר אויס-מײַדן די טעותים, וואָס די ערשטע קהלה האָט געקאָנט מאַכן, — דאָס אַלץ האָט זיי געגעבן מוט און ענערגיע די דאָזיקע שווערע און פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט צו דערפירן ביזן סוף און איבערגעבן איר אין די הענט פון דער צוקינפטיקער ניי-געוויילטער קהלה אין ווילנע.

בײַ דער געלעגנהייט האַלט איך פאַר מײַן חוב אויסצודריקן מײַן טיפסטן דאַנק און אָנערקענונג די אַלע חברים, פּרנסים פון דער פאַרוואַלטונג, ווי אויך די ראַטמענער פון דער קהלה, וועלכע האָבן אין די שווערסטע מאָמענטן פון דער קהלה-הנהגה זיך געשטעלט, ווי אַן אײַזערנע וואַנט צו באַשיצן איר פון אַלע שטורעמס און געהאָלפן בכבודיק אַרויסצופירן איר אויפן אָנגעצייכנטן וועג. ס'קומט אויך אַ גרויסער יישר-כּח די אַלע מיטאַרבעטער פון דער קהלה, וועלכע האָבן מיט זייער איבערגעבנקייט פאַר דער אַרבעט און אין באַוואוסטזײַן פון דער גרויסער אחריות, וואָס איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף זיי, ניט איינ-מאָל געדולדיק אַריבערגעטראָגן אַלע ניט-פאַרדינטע פאַרוואורפן און תּרעומות און אַזוי אַרום מיטגעהאָלפן אײַנצוהאַלטן אויף דער געהעריקער הויך דעם פּרעסטיזש און כּבוד פון דער ווילנער קהלה, אָפּגעבענדיק זייערע בעסטע כּחות און דערפאַרונג צום גונסטן פונ'ם אַנשטאַלט און פון דער ייִדישער באַ-פעלקערונג אין ווילנע.

אברהם-משה זיידשנור
(וויצע-פאָרזיצער פון קהלה-פאַרוואַלטונג).

די פּסיכאָלאָגישע באַציאונג פון דער ווילנער יידישער געזעלשאַפט צו דער קהלה.

מערקווירדיק איז דער שיקזאַל פון דער ערשטער, לויטן דעקרעט פון מאַרשאַל פּילסודסקי, געוויילטער ווילנער קהלה. אייגנאַרטיק זיינען אירע דערנערפולע וועגן, אירע זיגזאַגרייכע אַנטוויקלונגס-עטאַפּן, איר דראַמאַטישער געראַנגל פאַר איר קיום. איצט, נאָך אַ תקופה פון 5 יאָר, ווילט זיך בקיצור אָפּשטעלן אויף די ליכט- און- שאָטן-זייטן פון דעם דאָזיקן קאַמף און אַרויסדרינגען דעם געהעריקן מוסר-השכל פאַר די צוקונפטיקע וואָרט-זאָגער פון דער געוויילטער יידישער רעפּרעזענטאַנץ, פון דער דאָזיקער אינסטיטוציע, וועלכע דאַרף און וועט אין דעם גאָר-נאָענטן עתיד דינען אַלס יסוד פון דער יידישער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע.

און דאָ מוז געזאָגט ווערן דער ביטערער אמת, אַז לכתחילה האָט ווייט ניט די גאַנצע יידישע ווילנע אָפּגעשאַצט די וויכטיקייט פון דער ווילנער קהלה, וועלכע איז באַרופן אָנצופירן און לייטן מיט דער גאַנצער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט. פאַרקערט, שוין די עצם עקזיסטענץ פון דער ווילנער קהלה האָט אין זיינער צייט אַרויסגערופן אָן אומבאַגרינדעטע און אומגערעכטע קעגנערשאַפט מצד געוויסע טיילן פון דער באַפעלקערונג, וועלכע באַטייליקן זיך ניט אין די וואַלן, באַגאַטעליזירן די קהלה און גלויבן לחלוטין ניט אין איר עקזיסטענץ-מעגלעכקייט.

די אָרטאָדאָקסישע יידן זעען אין דער קהלה אַ פאַרשמעלערונג פון זייערע רעכט און אַן אומגעווונטשענע פאַרוועלטליכונג, אַ סעקוליאַריזירונג פון דער קהלה, וועלכע דאַרף — לויט זייער אויפפאַסונג — זיין אויסשליסלעך אַ רעליגיעזע. די לינקע, דאַקעגן, באַקעמפן די קהלה צוליב דעם, וואָס זי גיט אָפּ צופיל אויפמערקזאַמקייט די רעליגיעזע ענינים און טראָגט אַ „קלעריקאַלן" כאַראַקטער. הן די ערשטע והן די צווייטע באַציען זיך צו דער קהלה מיט ביטול, שטעלן איר אָפּטמאָל אַ פּאַסיוון ווידערשטאַנד און וואַרטן אויף איר

גיכער גסיסה. ביידע לאַגערן זיינען איבערצייגט, אַז די מאַטעריעלע און מאָראַלישע מעגלעכקייטן פון דער קהלה זיינען ניט גענוגנד, בכדי צו אָרגאַניזירן די צעשפּליטערטע יידישע געזעלשאַפטלעכע כחות אין ווילנע.

אָבער ניט נאָר די עקסטרעמען, די א. ג. קצוניים — אפילו אַ באַדייטנדער טייל פון בירגערטום, פון אַזוי גערופענעם צענטער, וועלכער איז שוין אַזוי אויך רואינירט און אויסגעשעפּט פון די כּלערליי מלוכהשע און קאָמונאַלע שטייערן, באַציט זיך על-פּי-רוב פיינטלעך צו דער קהלה, וועלכע וועט דאָך מוזן שטיצן איר ביודזשעט אויפן עטאַט און וועט במילא ווערן אַ נייער שטייער-אָרגאַן. דער פּחד פאַר נייע שטייערן איז אַזוי גרויס, אַז ער פאַרשטאַרקט נאָך מער די קעגנערשאַפט צו דער קהלה און ס'שאַפט זיך פון זיך אַליין אַ פּסיכאָלאָגישע אַטמאָספער, וועלכע איז אין העכסטן גראַד אומגינסטיק פאַר אַ שעפערישער פּראָדוקטיווער אַרבעט פון דעם ניי-אַנטשטייענדיקן יידישן קהלה-וועזן. עס קומט אויס צו אַרבעטן אַרומגערינגלט פון קעגנער און אומצופרידענע, אַזוי ווי אין אַ פיינטלעכן לאַגער.

די דאָזיקע אומפריינדלעכע פּסיכאָלאָגישע אַטמאָספער האָט פאַרסמט די גאַנצע סביבה און איז געווען די הויפּט-שטערונג, דער אבן-נגף פון דער אַרבעט לטובת דער יידישער קהלה. זי האָט אָפט דערפירט כּמעט צו יאוש; אָפט פלעגן זיך מאַכטלאָז אַראָפּלאָזן די הענט און ס'פלעגן אַנטשטיין ספקות אין דער מעגלעכקייט אײַנצוהאַלטן די ווילנער קהלה אויף איר געהעריקער הויך. דאָס האָט אויך גורם געווען צו אָפטע סיכסוכים צווישן געוויסע טיילן פון דער יידישער געזעלשאַפט מיט דער קהלה, פון וועלכער מען האָט פאַרלאַנגט מער, ווי זי איז געווען ביכולת צו געבן.

אָבער ניט קוקנדיק אויף די אַלע אומגעהויערע פּסיכאָלאָגישע שוועריקייטן, האָבן דאָך די פּרנסים גענומען אויף זיך די אומדאַנקבאַרע אַרבעט פון אָנפירן מיטן קהלה-וועזן ביי אַלע באַדינגונגען און, זייענדיק טיף איבערצייגט אין דער נויטווענדיקייט אַרויסצופירן די יידישע געזעלשאַפט פון איר תוהו-ובהו-צושטאַנד, — האָבן זיי דאָך געפונען אין זיך אויסדויער, מוט און ענערגיע צונויפצוזאַמלען אַלע שעפערישע כּח׳ות פון ווילנער יידנטום פאַר אַן אינסטיטוציע, וועלכע איז אַ התחלה פון יידישן אויטאָנאָמען לעבן.

וואַרפנדיק אַ רעטראָספּעקטיוון בליק אויף די פאַרגאַנגענע 5 יאָר, קענען מיר איצט מיט אַ טיילווייזער באַפרידיקונג פעסטשטעלן, אַז אויב ניט אַלץ איז געלונגען אויפצוטאָן, האָבן מיר דאָך מנצח געווען די פּסיכאָלאָגישע קעגנערשאַפט צו דער עצם אידעע פון אַ יידישער קהלה. פאַר יעדן ווילנער יידן איז שוין איצט קלאָר און בולט, אַז די קהלה איז דער אבן-הפּינה פון יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן און אַז נאָר זי איז באַרופן צונויפצוזאַמלען און קאָנצענטרירן דעם גאַנצן פאַרוואַרלאָזטן פאָלקס-אייגנטום, צו זאָרגן פאַר די יידישע קולטורעלע מוסדות, ערטיילן סאָציאַלע

הילף פאַר יתומים און סתם נויטבאַדערפטיקע, שטיצן עמיגראַנטן און בכלל אָנפירן מיט דער גאַנצער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט.

און זאָל דאָס אפילו זיין פאַרבונדן מיטן פאַרהאַסטן עטאַט, מיטן שווערן יידישן שטייער-יאָך, מיט די אומפאַרמיידלעכע טעותים און פעלערן — מוז אָבער די קהלה בלייבן עקזיסטירן אַלס סובסטאַנץ, וועלכע האָט אַ געוואַלטיקע באַדייטונג פאַר דער אָרגאַניזירונג פון די יידישע כחות און וועלכער ס'איז באַשערט נאָך צו שפילן איר היסטאָרישע ראָל אין אויסשמידן אַ ציל-באַוואוסטע יידישע אויטאָנאָמע קערפערשאַפט.

זאָל דער דאָזיקער פסיכאָלאָגישער איבערברוך דינען אַלס סאַטיספאַקציע פאַר די איצטיקע קהלה-טוער און זאָלן די צוקינפטיקע פרנסים געפינען אַ צוגעגרייטן באָדן פאַר זייער אַרבעט לטובת דער אידעע פון אָרגאַניזירן און קאָנסאָלידירן די יידישע נאַציאָנאַלע כחות.

I.

אַלגעמיינער באַריכט

פאַר די יאָרן

1928—1933

אַלגעמיינער באַריכט.

דאָס ווילנער קהלה־וועזן האָט זיך אַנטוויקלט גאַנץ אַנדערש, ווי די קהלות אין די אַנדערע שטעט פון פוילן. אין ווילנע האָט אַלעמאָל געשלאָגן אַ שטאַרקער פּולס פון קהל׳שן לעבן, וואָס האָט זיך פאַר דעם קריג אויסגעדריקט הויפּטזעכליך אין דער אַרבעט פון די פאַרשיידענע פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס מיט דער א. ג. „צדקה גדולה״ בראש, וועלכע האָט פאַר די צאַרישע צייטן געגאָלטן אַלס די אָפיציעלע רעפּרעזענטאַנץ פון דער ווילנער יידישער באַפעלקערונג.

אָבער פּאַראַלעל דערמיט איז אין ווילנע אָנגעגאַנגען אויך אַן אַנדער באַוועגונג, אַ באַוועגונג פון מאָדערנעם יידיש־נאַציאָנאַלן געדאַנק, וועלכע האָט אין די צייטן פון דער צאַרישער הערשאַפט געהאַט אויסצושטיין גרויסע שוועריקייטן און אפילו פערפאָלגונגען; ווי נאָר אָבער ס׳האָבן אָנגעהויבן בלאָזן פרייערע ווינטן האָט עס זיך אַרויסגעריסן פון דער באַהעלטעניש און גענומען שטאַרק באַאיינפלוסן דאָס יידישע לעבן מיט נייע אידעען. גלייכצייטיק האָט זיך אויך געלאָזט מערקן אַ דראַנג אָנצוקליידן אָט דעם נייעם אינהאַלט אין נייע אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרמען. אויפן געביט פון יידישן קהלה־לעבן האָט עס זיך אויסגעדריקט אין דער שטרעבונג צו אָרגאַניזירן די אָרגאַנען פון דער יידישער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע און איר הויפּט־קערן — די יידישע קהלה.

אין ווילנע איז עס אָנגעקומען אַ סך שווערער ווי ערגעץ־אַנדערש־וואו; ראשית, האָט מען ניט געהאַט פאַר זיך קיין פאַרטיקע מוסטערן, ווייל ווילנע איז געווען איזאָלירט פון גאַנץ רוסלאַנד, וואו דער פילמיליאָניקער יידישער קבוץ איז גלייך נאָך דער רעוואָלוציע צוגעטראָטן צו בויען די אינסטיטוציעס פון דער לאַנג־אויסגעטרוימטער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע; והשנית, איז ווילנע דאַן איבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט און ס׳האָט דעריבער געפעלט יענער אויטאָריטאַטיווער מאַכט־פאַקטאָר, וועלכער זאָל זאָרגן הן וועגן די נויטיקע מיטלען און הן וועגן דעם געהעריקן שוץ פאַר דער אָרגאַניזירונג פון דידאָזיקע אינסטיטוציעס.

גראַדע האָט דאָס לעבן אַליין דיקטירט די פאָרמען און אויך דעם אינהאַלט פון די נייע זעלבסטפאַרוואַלטונגס־אָרגאַנען, וועלכע זיינען, אגב, געוואָרן אַ לעבנס־נויטווענדיקייט צוליב דעם צוזאַמענבראָך פון די אַלטע אָפּגעלעבטע קהלה־פאָרמען. ס׳דאַרף נאָך גענומען ווערן אין אַכט, אַז די צייט

איז דאָן געווען אַן אויסערסט־שווערע פֿאַר ווילנע — די תקופה פֿון דער דייטשער אָקופּאַציע. די יידישע באַפעלקערונג איז אין בוכשטעבלעכן זין פֿון וואָרט אויסגעצאַנגען פֿון הונגער: אַלע פֿריערדיקע פּרנסה־קוואַלן האָבן אויסגעטריקנט און אויך די דייטשע אָקופּאַנטישע מאַכט האָט אַזוי גוט ווי אַראָפּגעוואָרפן פֿון זיך דעם עול צו זאָרגן פֿאַר דער יידישער באַפעלקערונג, אָדער האָט קנאַפּ געזאָרגט זיך וועגן איר, אַזוי אַז די יידישע באַפעלקערונג האָט אַליין געמוזט נעמען איר גורל אין די אייגענע הענט און אויף דער אייגענער אחריות אָרגאַניזירן כּלערליי הילף פֿאַר די געפּלאָגטע, גייסטיק און מאַטעריעל רואינירטע דורך דער מלחמה, יידישע מאַסן.

די דאָזיקע עבודה האָט געגומען אויף זיך דער דעמאָלטיקער

צענטראַל־קאָמיטעט

— פֿאַקטיש די ערשטע יידישע זעלבסטפאַרוואַלטונג אין ווילנע, — וועלכע האָט געהאַט פֿאַר זיך אַ דאָפּלטע אויפגאַבע: ערשטנס, רעקאָנסטרואירן און אָרגאַניזירן דעם גאַנצן דעזאָרגאַניזירטן און כּמעט געגצליך חרובֿדיקן יידישן קהלה־לעבן אין ווילנע און, צווייטנס — שאַפֿן פֿאַר די פֿאַריאושטע און פֿאַראָרימטע יידישע מאַסן ממשותדיקע הילף אין אַלע פֿאָרמען — הן גייסטיקע און הן מאַטעריעלע, ניט אויסשליסנדיק אויך די פּאָליטישע רעפּרעזענטאַנץ און שוץ פֿון דער יידישער באַפעלקערונג כּלפּי דער דייטשער אָקופּאַציע־מאַכט.

דער צווייטער עטאַפּ האָט זיך אָנגעפאַנגען מיטן מאָמענט פֿון אָרגאַניזירן אין דעצעמבער 1918

די ערשטע דעמאָקראַטישע קהלה אין ווילנע,

וועלכע האָט פֿאַקטיש אָנגעהויבן פֿונקציאָנירן ערשט אין מאַי 1919 יאָר נאָך דעם באַזעצן ווילנע דורך די פּאָליאַקן. דאָס איז שוין געווען אין פּוילן זין פֿון וואָרט אַ מאָדערנע דעמאָקראַטישע קהלה, געוויילט אויפֿן יסוד פֿון אַלגעמיינעם, גלייכן, דירעקטן, געהיימן און פּראָפּאָרציאָנעלן וואַל־רעכט פֿאַר מענער און פֿרויען פֿון 20 יאָר אָן. ווי ביי דעם פֿריערדיקן צענטראַל־קאָמיטעט האָט אויך די נייע דעמאָקראַטישע קהלה ניט געהאַט פֿאַר זיך קיין שום געשריבענע געזעצן, רעגולאַמינען אָדער סטאַטוטן, און די איינציקע באַזע, אויף וועלכער ס'האָט זיך געשטיצט איר יורידישע און פֿאַקטישע עקזיסטענץ, איז געווען דאָס לעבן אַליין און די פֿאָדערונגען און נויטן פֿון יענער שווערער צייט. דאָס איז געווען באַלד נאָך די טרויעריקע אַפּריל־פּאַסירונגען פֿון יאָר 1919. די יידישע באַפעלקערונג איז געווען זייער נידערגעשלאָגן סיי פֿיזיש און סיי גייסטיק און אויך די מאַטעריעלע לאַגע פֿון די ווילנער יידן איז געווען מער ווי טרויעריק.

ביי אַזעלכע באַדינגונגען האָט זיך פֿון דער נייער קהלה — די איינציקע פֿאַקטישע רעפּרעזענטאַנץ פֿונ'ם ווילנער יידנטום — געפֿאָדערט אַ סך וויסן, ענערגיע און דער עיקר פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט און טאַקט, כּדי אָנצופֿירן מיט

דער אַרבעט. און דאָס איז געווען נישט קיין לייכטע זאַך, ווייל פּאַקטיש איז אויסגעקומען דער קהלה צו פירן אַ פיל־פאַרצווייגטע און ברייטע אַרבעט אויף אַלע געביטן פון לעבן; דאָ האָט זיך שוין ניט געהאַנדלט מער וועגן עפּעס גיכער הילף פון פילאַנטראָפּישן כאַראַקטער, נאָר פון אַ גרויסער רעקאָנסטרוק־טיווער אַרבעט כמעט אין מלוכה־מאַסשטאַב. ס׳איז אויסגעקומען צו ראַטעווען ניט קיין טייל, ניט קיין יחידים, נאָר בוכשטעבליך דעם גאַנצן יידישן קבוץ.

אַזאַ אַרבעט האָט נאַטירלעך געפאָדערט קאָלאָסאַלע מיטלען, וועלכע ס׳האָבן געשאַפן אונדזערע ברידער אין אַמעריקע דורך דעם „דזשוינט". ליידער האָט די קהלה פון ערשטן מאָמענט אָן ניט געהאַט קיין אייגענע מקורות פון הכנסה; פון אַ פרייוויליקער זעלבסט־באַשטייערונג האָט נאָך דעמאָלט קיין רייד ניט געקענט זיין, הן דערפאַר, ווייל די ווילנער יידן זיינען געווען שרעקלעך פאַראָרימט און הן דערפאַר, ווייל די נייע פוילישע מאַכט האָט בלויז טאָלע־רירט די קהלה, אָבער ניט געוואָלט איר אָנערקענען אַלס יורידישע פערזאָן און ממילא האָט די קהלה ניט געהאַט קיין שום רעכט פון צוואַנגס־באַשטייע־רונג און אויך ניט געקענט איבערנעמען אין איר רשות דעם גאַנצן קהלשן אייגנטום, וועלכער איז פאַרבליבן אין די הענט פון דער א. ג. „צדקה־גדולה".

ווי דערמאָנט שוין האָט די פריערדיקע קהלה ניט געהאַט אונטער זיך קיין שום פינאַנסיעלע באַזע און האָט געלעבט פון צופעליקע נתינות אָדער סובווענצן פון „דזשוינט", וועלכע זיינען וואָס ווייטער, אַלץ זעלטענער און וויינציקער געוואָרן.

דערצו נאָך האָט די פוילישע מאַכט, נאָכדעם ווי דער פּאָליטישער גורל פון ווילנע איז ענדגילטיק באַשטימט געוואָרן, גענומען וואָס אַמאָל שטאַרקער און צודרינגלעכער מאָנען אַ סטאַטוט פון דער קהלה. און היות ווי אַזאַ סטאַטוט האָט די קהלה ניט געהאַט, האָט די מאַכט געפאָדערט דורכפירן נייע וואַלן אויפן סמך פון דעם

פּילסודסקי־דעקרעט

פון 7/II 1919, וואָס האָט געגאָלטן אין קאָנגרעס־פוילן. די פאָרשטייער פון דער ווילנער קהלה האָבן אָבער לכתחילה נישט געוואָלט און מכמה טעמים אויך ניט געקענט מסכים זיין, אַז ס׳זאָלן דורכגעפירט ווערן קהלה־וואַלן אויפן גרונט פון פּילסודסקי־דעקרעט, וואָס פאַרשמעלערט די קאָמפּעטענץ פון דער קהלה ביז צו אַ רעליגיעזער אינסטיטוציע. זיי האָבן בכן געפאָדערט צו אָנ־ערקענען פאַר דער ווילנער קהלה ברייטערע קאָמפּעטענצן און אויך אַ מער דעמאָקראַטישע וואַל־אָרדינאַציע, אין איינקלאַנג מיט דער גלאָריאַ־רייכער טראַדיציע און פּראַקטיק פון דער יידישער זעלבסטפאַרוואַלטונג אין ווילנע.

אין דעם זין האָבן זיך אויך אַרויסגעזאָגט די קהלות-צוזאַמענפאָרן, וועלכע זיינען צוליב דעם צוזאַמענגערופן געוואָרן אין ווילנע און נאָוואָגרודעק.

די אַלע אונטערהאַנדלונגען און אינטערווענצן ביי די פאַרשיידענע פוילישע רעגירונגען האָבן אָבער ניט געגעבן די ערוואַרטעטע רעזולטאַטן און סוף כל סוף איז ערשינען אַ פאַראָרדענונג פון מיניסטאָרן-ראַט פון 28/X 1925 וועגן פאַרשפרייטן פּילסודסקיס דעקרעט בנוגע די קהלות אויך אויף די קרעסן. פון דעם מאָמענט אָן עפנט זיך אַ נייער קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון אונדזער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע אין ווילנע.

די ווילנער יידישע געזעלשאַפט, האָט, פאַרשטייט זיך, ניט געקענט באַפרידיקן זיך מיט דעם דאָזיקן באַגרענעצטן קהלה-געזעץ, וועלכער באַ-ריקזיכטיקט לגמרי ניט די דרינגענדע נאַציאָנאַל-קולטורעלע און עקאָנאָ-מישע הצטרכות פון ווילנער יידישן קיבוץ, פאַרוואַנדלענדיק פּאַקטיש דעם אָרגאַן פון אונדזער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע הויפּטזעכליך אין אַ רעליגיעזער אינסטיטוציע. אָבער די קאַטאַסטראָפאַלע לאַגע, וואָס האָט זיך געשאַפן במשך פון דער איבערגאַנגס-צייט פאַר דעם רוב פון אונדזערע מוסדות און אַנ-שטאַלטן, ווי אויך דער פעסטער רצון צו מאַכן אַ סוף צו דער פולשטענדיקער אַנאַרכיע און דעזאָרגאַניזאַציע, וואָס האָט באַהערשט אונדזער גאַנצן געזעל-שאַפטלעכן לעבן, — דאָס אַלץ האָט באַוואויגן אונדזערע פאַראַנטוואָרטלעכע פאַרשטייער אָנצונעמען די דערמאָנטע רעגירונגס-פאַראָרדענונג אַלס יסוד פאַר אַ קהלה. גלייכצייטיק איז אָבער נישט אויפגעגעבן געוואָרן די האָפענונג צו געפינען די מעגלעכקייטן פאַר אַ ברייטערער אַרבעט אין הסכם מיט די ריכט-ליניען און אַנטוויקלונג פון אונדזער מאָדערנעם יידישן לעבן.

איצט, נאָך 5 יאָר אַרבעט פון דער רעליגיעזער קהלה, לאָזט זיך, אין אַ געוויסער מאָס, פעסטשטעלן, אַז די האָפענונגען האָבן נישט אינגאַנצן פאַר-פירט. אויף וויפיל ס'איז מעגלעך געווען און אויף וויפיל דאָס האָבן ערלויבט די מיטלען און די באַדינגונגען פון דער צייט, אין וועלכער דער קהלה איז אויסגעקומען צו ווירקן, זיינען אין די ראַמען פון איר טעטיקייט באַריקזיכ-טיקייט געוואָרן אויך די אַלגעמיין-נאַציאָנאַלע און קולטורעלע הצטרכות פון דער יידישער באַפעלקערונג.

אָבער נישט אויף דער פלאַכקייט ליגט דער הויפּט-אויפטו און דער עיקר-פאַרדינסט פון דער

רעליגיעזער קהלה אין ווילנע.

אויף דער דאָזיקער ערשטער אָפיציעלער קהלה אין דעם פרייען אומאָפּהענגיקן פוילן איז אויסגעפאַלן די פאַראַנטוואָרטלעכע עובדה און פליכט אויפצוזאַמלען, אָרגאַניזירן און קאָנצענטרירן דעם גאַנצן קהל'שן פאַרמעגן, וועלכער איז געווען ביז אַהער צעוואָרפן און צעשפרייט און איז פאַרוואַלטעט געוואָרן דורך

אומבאַרופענע יחידים אויף אַזאַ אומגעלומפּערטן אופן, אַז די געזעלשאַפט האָט דערפון קיין שום נוצן נישט געהאַט. אין דעם פּרט איז דורך דער קהלה אָפּגעטאָן געוואָרן אַ קאָלאָסאַלע אָרגאַניזירונגס-אַרבעט, וועלכע האָט זיך אויסגעדריקט ראשית כּל אין אָפּשאַפן דעם שעדלעכן דואַליזם אין דעם ווילנער קהלה-לעבן און אין לייגן דעם יסוד פאַר אַ נאָרמאַלער געזונטער קהלה-אַרבעט.

בכלל דאַרף אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז דער ענין

„צדקה-גדולה"

איז געווען דער שאַרפסטער אבן-נגף אין דער אַרבעט פון דער קהילה און האָט גורם געווען, אַז די בעסטע ענערגיע, צייט און מי זאָל אָוועקגעגעבן ווערן אויף צו באַקעמפן אַזאַ אַנאַכראָניזם, ווי ס'איז געווען די „צדקה גדולה". דער דאָזיקער קאַמף, וועלכער איז געווען אָנגעבונדן דער קהילה, האָט אָבער געמוזט דערפירט ווערן ביזן סוף, ווייל ס'האָט זיך געהאַנדלט וועגן עצם קיום פון דער קהלה. און באמת, האָט דאָך ניט געקענט ווייטער געדולדעט ווערן אַזאַ לאַגע, ביי וועלכער פּאַראַלעל מיט דער רעכטלעכער און דורך דער גאַנצער באַפעלקערונג געוויילטער יידישער קהלה, וועלכע האָט געהאַט באַשטימטע פליכטן און געטראָגן די אחריות לגבי דער יידישער באַפעלקערונג, זאָל עקזיסטירן עפּעס אַ צווייטע כמו-קהילה, אַ פאַרקריפּלטער סוראָגאַט פון דער געוו. פאַרמלחמה'דיקער „צדקה-גדולה", וועלכע האָט פאַר קיין שום פּרייז ניט געוואָלט אַרויסלאָזן די ממשלה פון האַנט, שטיצנדיק זיך אויף עפּעס ניט געשטויגענע „ירושה"- אָדער חזקה-רעכט...

דער קאַמף איז דעסטאָ שווערער אָנגעקומען, ווייל, ווי געזאָגט, האָבן זיך הינטער דער „צדקה-גדולה" פאַרבאַריקאַדירט געוויסע עלעמענטן פון רעכטס און פון לינקס, וועלכע האָבן זי אויסגענוצט אַלס „שוץ-וואַל" פאַר זייערע אָנגריפן קעגן דער קהילה. צום גליק האָבן די אַלע אויסרעכענונגען גיך געפּלאַצט און מיט דער הילף פון דער מאַכט איז דער גאַנצער גרויסער פאַרמעגן פון דער „צדקה-גדולה" מיט אַלע הויפן און אינסטיטוציעס, ווי בית-עולם, שטאָט-שול, קהל'שע באָד, סטראַשונס ביבליאָטעק, מוזיי א. אַז. וו. ענדלעך אַריבער צו דער קהילה. ביי דער לעצטער איז געשאַפן געוואָרן אַ ספּעציעלע צ"ג-קאָמיסיע פון פאָרשטייער פון די צ"ג-גבאים און פרנסים אויף פאַריטעטע יסודות, וועלכע פירט היינט אָן מיט דער גאַנצער ווירטשאַפט פון די איבערגענומענע נחלאות און מוסדות פון דער צ"ג.

למען האמת דאַרף געזאָגט ווערן, אַז די אַלע נחלאות זיינען איבער-געגעבן געוואָרן דער קהילה אין אַ זייער קלאָגעדיקן מצב, דערביי באַלעס-טיקט מיט אַזעלכע קאָלאָסאַלע חובות, אַז ס'וועט דאַרפן נעמען אַ סך יאָרן, ביז וואַנען מ'וועט זיי אויסצאָלן. דאָך מוז אָנערקענט ווערן, אַז די ליקווי-

דאַציע פון דעם פיינדלעכן צ"ג-קאָנפליקט האָט ענדלעך אויפגעבונדן די הענט פון דער קהילה און האָט געעפנט נייע מעגלעכקייטן און פערספעקטיוון פאַר איר אַרבעט.

דאָס האָט אויך גורם געווען צו פאַרגיכערן די גינסטיקע לעזונג פון דער א. ג.

„רבנות-שאלה",

וועלכע האָט פאַרשאַפט דער קהילה אַ סך שוועריקייטן און זאָרג שוין ביי די ערשטע טריט פון איר אַרבעט און וועלכע האָט אַריינגעפלאָכטן איר, קעגן איר ווילן, אין אַ קאַמף, וואָס האָט ניט פאַרשאַפט קיין כבוד די קעמפנדע צדדים.

ס'דאַרף דאָ באַטאָנט ווערן, אַז דער פּלוצלונג אויפגעפלאַקערטער קאַמף אַרום דער ווילנער רבנות האָט גלייך פון אָנהויב פאַרשאַרפט די באַציאונגען צווישן די באַזונדערע קהילה-גרופּירונגען און האָט באַשווערט די שאַפונג פון אַן אַרבעטס-פעאיקער מערהייט אין קהילה, וואָס אָן דעם איז דאָך אוממעגלעך יעדע געזונטע און נאָרמאַלע אַרבעט. געשען איז עס צוליב פאָלגנדעס:

לויט דעם בוכשטעבלעכן זין פון דעם קהילות-געזעץ האָט אין ווילנע געדאַרפט אויסגעקליבן ווערן איין קהילה-רב („ראַבין נאַטשעלני") און אייניקע „פּאָדראַבינס".

די „אגודה" איז דערפון ניט געווען צופרידן און האָט געפאָדערט איינצוטיילן די שטאָט אין באַצירקן און יעדער באַצירק זאָל האָבן זיין אָפיציעלן רב. די קהילה האָט אָבער ניט געקענט איינגיין אויף דעם, ווייל, ראשית, וואָלט עס אַריינגעבראַכט אַ פּירוד אין שטאָט, והשנית, האָט עס די מאַכט בשום אופן ניט דערלויבט.

ביים באַשטימען, ווידער, די קאַנדידאַטור אויף ווילנער קהילה-רב האָט די קהילה זיך געמוזט רעכענען, אַ חוץ מיט די פּערזענלעכע מעלות און לומדות פון דער פּערזאָן, אויך דערמיט, אַז די פּערזאָן זאָל קענען ווי געהעריק רעפּרעזענטירן אַזאַ וויכטיקע קהילה, ווי ווילנע. אַלס אַזעלכער איז דורך אַלעמען אָנערקענט געוואָרן דער פריערדיקער ווילנער ראַבינער און געוו. סענאַטאָר הרב יצחק רובינשטיין, וועלכער האָט אַחוץ אַלעמען זייער גרויסע פאַרדינסטן פאַרן ווילנער יידנטום. דער לעצטער איז טאַקע מיט אַ גרויסער מערהייט אויסגעקליבן געוואָרן דורכן ראַט און פאַרוואַלטונג אויף די זיצונגען פון 3 און 4-טן נאָוועמבער 1928.

דערמיט זיינען אָבער אומצופרידן געבליבן די עקסטרעמע אָרטאָדאָקסישע גרופּן פון דער קהילה, וועלכע האָבן ליבער געוואָלט זען אַלס קהילה-רב זייער אייגענעם קאַנדידאַט. ניט קענענדיק דורכזעצן זייער וואונטש אין דער קהילה,

וואו זיי זיינען געווען אַ מיעוט, האָבן זיי געפּרובט ווירקן אין דעם זין אויסער דער קהילה, דערביי האָבן זיי אויסגענוצט אָט די דאָזיקע רבנות-שאלה, כּדי צו פירן אַ קאַמף קעגן דער קהילה בכלל. אין דער ערשטער ריי האָבן זיי געפּרובט אָנווענדן אַלע מיטלען, כּדי ניט צו דערלאָזן, אַז הרב רובינשטיין זאָל באַשטעטיקט ווערן אַלס קהילה-רב. אָבער אַלע באַמיאונגען זייערע האָבן ניט געהאָלפן און הרב רובינשטיינס נאָמינאַציע אַלס קהלה-רב איז דורכגעגאַנגען דורך אַלע אָפיציעלע אינסטאַנצן.

דער קאַמף איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז בעת די קהלה האָט אין איר ביודזשעט אַריינגעשטעלט די אַנטשפּרעכנדע געלט-פּאָזיציעס אויף געהאַלט פאַר די רבנים און צוגעשיקט זיי דורך דער מאַכט אָפיציעלע נאָמינאַציעס אַלס „פּאַדראַבינ׳ס“, האָט דער גרעסטער טייל פון די רבנים אַלס פּראָטעסט צוריקגעשיקט די נאָמינאַציעס און גלייכצייטיק אָנגעקלאָגט דעם באַשלוס פון דער קהלה אין העכסטן אַדמיניסטראַטיוון טריבונאַל.

דערביי דאַרף באַטאָנט ווערן, אַז אין דעם דאָזיקן קאַמף האָט זיך דער אומצופרידענער צד געשטיצט אויף דער „צדקה גדולה“-ציטאַדעל און, באַזיצנדיק אין זיין רשות דעם בית-עולם, אַלע קהל׳שע הויפן, די שחיטה, די שטאָט-שול און אַנדערע רעליגיעזע אַטריבוטן, האָט ער זיך באַטראַכט אַלס אַ באַזונדער קהלה, און די געזעצליך-געוויילטע קהלה אויף טריט און שריט איגנאָרירט און אפילו באַקעמפט. דאָס האָט אין דער ערשטער ריי פאַטאַל געווירקט אויף דעם איינפלוס פונ׳ם עטאַט, וואָס איז אין די ערשטע יאָרן געווען אַ פּרייוויליקער, און אויף דער גאַנצער אַרבעט פון דער קהלה בכלל. פון אַלע פּרובן צו ברענגען צו אַן אויסגלייך אין דער רבנות-שאלה, באופן, אַז אויך הרב ר׳ חיים עוזר זאָל נאָמינירט ווערן אַלס צווייטער קהלה-רב, בהסכם מיט׳ן קהלות-געזעץ — האָט זיך גאָרנישט אויסגעלאָזט.

אין דעם קאַמף זיינען בּיסלעכווייז אַריינגעמישט געוואָרן גאָר זייטיקע פאַקטאָרן. דער דאָזיקער אומדערטרעגלעכער מצב האָט געדויערט ביז סעפּטעמבער 1931, ווען די העכערע אויפזיכטס-מאַכט האָט ענדליך פאַראָרדנט אויפצולעזן די „צדקה-גדולה“ און איבערצוגעבן איר גאַנצן פאַרמעגן מיטן בית-עולם א. א. וו. צו דער קהלה. פאַרלירנדיק אָט דעם דאָזיקן שטיץ-פּונקט, איז די „אגודה“, כּמעט נאָך אַ צוויי-יעריקן קאַמף, נאָכגיביקער געוואָרן אויך אין דער רבנות-שאלה, וועלכע איז ליקווידירט געוואָרן אויף אַזאַ אופן, אַז הרב ר׳ חיים עוזר האָט באַקומען דאָס רעכט צו טיטולירן זיך אַלס „ראַבין“.

ביי דער געלעגנהייט דאַרף באַטאָנט ווערן, אַז כּמעט דער גרעסטער טייל פון דער קאַדענץ ביי דער איצטיקער קהלה איז אַוועק אין קאַמף צוערשט אַרום דער רבנות-שאלה, נאָכדעם אַרום צדקה-גדולה און ווייטער מיט די פאַרשיידענע גרופּן פון רעכטס און פון לינקס, וועלכע האָבן געפירט אַ שטענדיקן

קאַמף, אַן אָפענעם און פאַרשטעלטן, קעגן דער קהלה און געהאַמעוועט אַזוי אַרום אַלע אירע פּרובן און אָנהייבן צו אָרגאַניזירן זיך און צו טאָן פּאָזיטיווע אַרבעט. בכלל איז אין דער קאַמפּס-אַטמאָספער, וואָס האָט אַרומגערינגלט די קהלה אין די ערשטע יאָרן פון איר עקזיסטענץ, אוממעגלעך געווען צו קאָנ-צענטרירן זיך אויף שעפערישער אַרבעט, בפרט, אַז די קהלה האָט שוין פון די ערשטע טעג אָן געהאַט צו טאָן מיט גרויסע פינאַנסיעלע שוועריקייטן, ווייל פון דער אַלטער קהלה האָט זי קיין זאַך, אויסער חובות, ניט איבער-גענומען און קיין אייגענעם שטייער-אַפּאַראַט האָט זי נאָך ניט באַוויזן צו שאַפן. דערפאַר האָט זי געהאַט אַ סך מאַנערס סיי מצד אונדזערע פּאָלקסשולן, וואָס צאַפּלען זיך אין אַ ים פון נויט, סיי מצד די האַלב-גוסס׳דיקע קולטורעלע און פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס, מוסדות און סתם נצרכים, וועלכע האָבן שוין פון דעם ערשטן מאָמענט, גלייך ווי די קהלה האָט זיך קאָנסטרואירט, גענומען שטורמען די קהלה, מאָנענדיק פון איר שטיצע און הילף.

ס׳איז דעריבער געווען די ערשטע עובדה פון דער ניי-קאָנסטרואירטער פאַרוואַלטונג פון דער קהלה צו אָרגאַניזירן אין דער ערשטער ריי דעם

שטייער-אַפּאַראַט.

כּדי צו קענען אין דער מינימאַלסטער מאָס אַנטקעגנצוקומען דער שרעקלעכער נויט פון די שולן און פון די איבעריקע מוסדות, וועלכע זיינען פאַרנאַכלעסיגט געוואָרן אין דער איבערגאַנגס-צייט, ווען ווילנע האָט פּאַקטיש נישט געהאַט קיין שום קהלה. דאָס האָט אָבער צוליב כּמה טעמים אַזוי גיך נישט געקענט געמאַכט ווערן און אין דער ערשטער ריי צוליב דעם, ווייל ס׳האָט קיין שום עווידענץ נישט עקזיסטירט, ווי בכלל קיין שום סטאַטיסטיק. די פאַריקע קהלות האָבן קיין שום זעלבסטבאַשטייערונג נישט געהאַט און, ווי געזאָגט שוין, האָבן זיי געלעבט מייסטנס פון פּרייוויליקע נתינות און סובסידיעס פון אויסלאַנד. מ׳האָט געדאַרפט דעריבער צוציען צו דער אַרבעט פון זעלבסט-באַשטייערונג די עטאַט-צאָלער גופא אין דער פּערזאָן פון די פאַרשיידענע בראַנזשעס און פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס, און צום שבח פון די לעצטע דאַרף מען זאָגן, אַז מיטן אויסנאַם פון פאַראיין פון די האַנדלס-אָנגע-שטעלטע האָט דאָך די גרעסטע מערהייט פון זיי זייער וואַרים אָפּגערופן זיך אויף דער ווענדונג פון דער קהלה, געהאָלפן ביים צונויפשטעלן די ערשטע רשימות פון די עטאַט-צאָלער און צוזאַמען מיט די פּרנסים און ראַטמענער אַקטיוו מיטגעאַרבעט ביים אָרגאַניזירן דעם קהלה-עטאַט. ס׳זיינען אויסגעטיילט געוואָרן זאַמל-כּאָרן, וועלכע זיינען אַרויס אין שטאָט, באַזוכט די פאַרמעגלעכערע עטאַט-צאָלער און אויפן חשבון פון קינפטיקן עטאַט אויפגעזאַמלט אַ געוויסע סומע אויף צו דעקן די נויטיקע הוצאות פון דער קהלה.

דאָס איז אָבער אַלץ געווען אַ טראָפּן אין ים פון דער גרויסער נויט, מיט וועלכער די קהילה האָט זיך פּנים אל פּנים צוזאַמענגעטראָפן גלייך בּיי אירע ערשטע טריט.

נאָך איידער די קהילה האָט באַוויזן צו שטעלן זיך אויף די פיס און צו אָרגאַניזירן איר עטאַט-אַפּאַראַט — דעם איינציקן מקור פון איר הכנסה האָט מען שוין גענומען איר פון אַלע זייטן אַטאַקירן און פאָדערן, זי זאָל העלפן.

מ'דאַרף נעמען אין אַכט, אַז די לאַגע פון די ווילנער אַנשטאַלטן און מוסדות איז ווירקלעך געווען אַ שווערע. די אַמעריקאַנער שטיצע איז געוואָרן פון טאָג אַלץ קלענער און שפּעטער כּמעט אינגאַנצן אָפּגעשטעלט געוואָרן. פון די אָרטיקע מקורים האָבן זיך די אַנשטאַלטן ניט געקענט אויסהאַלטן אַפילו אין די בעסערע צייטן, בפרט שוין בעת אין פּוילן האָט זיך אָנגעהויבן דער שווערער פינאַנסיעלער קריזיס.

באַזונדערס א'ז געוואָרן קאַטאַסטראָפאַל

די לאַגע פון די שולן:

צוליב דער גרויסער פּאַרארימונג פון די עלטערן איז דער שכר-לימוד שטאַרק געפאַלן און האָט געבילדעט אַ נישטיקן פּראָצענט אין די שול-ביודזשעטן. די מלוכה האָט דעם יידישן שול-וועזן ניט געשטיצט; די איינציקע ממשותדיקע אונטערשטיצונג איז געווען די סובסידיע פון מאַגיסטראַט אויף די ווירטשאַפטלעכע הוצאות. די לאַגע פון די לערער איז געוואָרן אַ אומדערטרעגלעכע.

ס'איז דעריבער ניט קיין וואונדער, וואָס באַלד ווי די נייע קהלה האָט זיך קאָנסטיטואירט האָט זיך אָנגעהויבן אַ כוואַליע פון אינטערווענצן און פאָדערונגען מצד די לערער-פאַראייניגן, עלטערן-קאָמיטעטן און בילדונגס-צענטראַלעס וועגן גרעסערע אונטערשטיצונגען אין דער ערשטער ריי פאַר די שולן.

די קהילה, וועלכע האָט קיין שום פאַרמעגן ניט געהאַט און האָט אין די ערשטע יאָרן פון איר עקזיסטענץ געבויט איר הכנסה בלויז אויף פרייוויליקע באַשטייערונגען פון דער באַפעלקערונג, איז נאַטירלעך פינאַנסיעל ניט ביכולת געווען נאָכצוקומען די גערעכטע פאָדערונגען פון די אַנשטאַלטן. דערביי דאַרף מען נאָך נעמען אין אַכט, אַז לויטן געזעץ וועגן די קהלות פון 19/II 1919 איז איר קאָמפּעטענץ באַגרענעצט בלויז אַלס רעליגיעז-פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציע, און דאָס איז אויך אין אַ געוויסער מאָס געווען אַ שטער אין פּרט פון שטיצן די קולטור-אַנשטאַלטן (אין יאָר 1930 האָט די מאַכט, למשל,

געשטראָכן אין קהלה־ביודזשעט די סובסידיעס פאַר אַ ריי קולטורעלע מוסדות צוזאַמען אויף אַ סומע פון 59.000 גילדן). אַ חוץ דעם האָבן די כלערליי שונאים פון דער קהלה און סתם אומצופרידענע די ערשטע צייט אָפן אַגיטירט צווישן זייערע אָנהענגער קעגן דעם קהלה־עטאַט. דאָס אַלץ, ווי אויך די שוועריקייטן, וועלכע די קהלה האָט לכתחילה אָנגעטראָפן ביים באַשטעטיקן דעם ערשטן קהלה־ביודזשעט, האָבן דערפירט דערצו, אַז די קהלה איז אַריינגעפאַלן אין אַ פערמאַנענטן פינאַנס־קריזיס. היות ווי די הוצאות פון דער קהלה האָבן ווייט אַריבערגעשטויגן אירע פּאַקטישע הכנסות, איז די קהלה שוין די ערשטע צייט, כדי צו באַפרידיקן כאָטש אין דער מינימאַלסטער מאָס די דרינגענדסטע נויטן פון די אַנשטאַלטן, באַזונדערס פון די שולן, געווען געצוואונגען צו שרייבן וועקסלען. אָבער ווען ס׳זיינען פעליק געוואָרן די טערמינען פון די וועקסלען האָט זיך אַ־ויסגעשטעלט, אַז די קהלה פאַרמאָגט ניט גענוג רעסורסן, כדי צו דעקן די טערמינאָווע התחייבותן און ס׳האָט געדראָעט אַ געפאַר, אַז די וועקסלען זאָלן אַוועק אין פּראָטעסט. בכדי צו פאַרהיטן פון אַזאַ געפאַר, וואָס וואָלט געקע:ט האָבן זייער פאַטאַלע פאָלגן פאַר דער קהלה, האָבן אייניקע איבערגעבענע און אַקטיווע מיטגלידער פון פרעזידיום געשריבן זייערע פּערזענלעכע וועקסלען, אויף וועלכע ס׳זיינען געשאַפן געוואָרן באַדייטנדע געלט־סומען און אַזוי אַרום איז געלונגען צו פאַרזיכערן די קהלה פון אַ קראַך און אַיינצוהאַלטן איר גוטן נאָמען און פּרעסטיזש.

דאָס האָט אָבער אויך געהאַט אַ נעגאַטיווע זייט, מחמת ביי אַלע קינ־פטיקע פינאַנסיעלע שוועריקייטן און געלט־מאַנגל איז מען ווייטער געגאַנגען אויף דעם אויסגעטראָטענעם וועג, ד. ה. געשאַפן געלט דורך פּערזענלעכע וועקסלען, וואָס איז לכל הדעות אַן אומגעזונטע ערשיינונג פאַר יעדער געזעל־שאַפטלעכער אינסטיטוציע, בפרט אין אַ קריזיס־צייט, ווען אַלע קאַלקולאַציעס אין אויסזיכטן אויף הכנסות באַרעכטיקן זיך ניט.

פיל צייט, מי און ענערגיע האָט פאַרשלונגען ביי דער קהלה די אָרגאַניזאַציע פון

ביוראָ־אַפּאַראַט.

וואָס איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויף אַזעלכע יסודות, ווי ס׳פּאַסט פאַר אַזאַ אַנשטאַלט, ווי די קהלה. דאָס איז אָנגעקומען ניט לייכט, ווייל פון דער אַלטער קהלה איז כמעט קיין זאַך נישט געבליבן און מ׳האָט אַלץ געדאַרפט שאַפן פון ס׳ניי, אָנהויבנדיק פון דער קאַנצעלאַריע־איינריכטונג און ענדיקנדיק מיט דער אָרגאַניזאַציע פון די געהעריקע אָפּטיילונגען, וועלכע באַדינען איצט מיט ערפאָלג די ברייט־פאַרצווייגטע ווירטשאַפט פון דער קהלה, וואָס האָט זיך אַזוי ריזיק צוואָקסן ביים איצטיקן מאָמענט.

ביי היינטיקן טאָג, ווען די קהלה שטייט ביים סוף פון איר קאַדענץ און גרייט זיך איבערגעבן איר אַרבעט דער ניי־געוויילטער קהלה, האָט זי אַנצווייזן אין איר אַקטיוו, אויסער די געוויינלעכע לייסטונגען אויף די פאַר־שיידענע געביטן פון סאָציאַלער פאַרזאָרגונג, ווי ספּעציעלע יום־טוב־אַקציעס פאַר זעלנער, אַרעסטאַנטן און סתם נצרכים, מצה און האָלץ־אַקציעס א. א. וו., אויסגעצאָלטע סובסידיעס פאַר שולן, ישיבות, יתומים־אַנשטאַלטן און אַנדערע מוסדות, לייסטונגען, וועלכע ווערן גענוי אילוסטרירט אין די ציפער־באַריכטן, — אויך אַ ריי אַנדערע אויפטוען, וועלכע זיינען אין די בוכהאַלטעריע־באַריכטן נישט פאַרצייכנט, אָבער זיינען אפשר פאַר דעם סך־הכל פון דער אַוועקגייענ־דיקער קהלה ניט ווייניקער וויכטיק, ווי די ערשטע. דאָס איז די קאָנ־צענטראַציע פונ׳ם גאַנצן קהלש׳ן פאַרמעגן אין די הענט פון דער קהלה. אויסער די צדקה־גדולה־הויפן איז דער קהלה נאָך לאַנגע באַמיאונגען גע־לונגען אַרויסצובאַקומען דאָס אייגנטום־רעכט אויף דעם קהלה־בנין אויף אָרזשעשקאָ 7. אין רשות פון דער קהלה זיינען אויך לעצטנס איבערגעגאַנגען די „ביליקע הייזער" פון יק״א. די אַלע איבערגענומענע הויפן זיינען געבראַכט געוואָרן מער־ווייניקער אין אַ צושטאַנד, וואָס פאַרזיכערט פון אַ וויטערדיקן חורבן און לאָזט האָפן, אַז מיט דער צייט וועלן זיי פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ שטענדיקן הכנסה־מקור פאַרן יידישן כלל.

אויך דער בית־עולם, וואָס האָט זיך געפונען פאַר דער ממשלה פון צדקה־גדולה אין אַ פאַרוואָרלאָזטן צושטאַנד, איז געבראַכט געוואָרן אין אָרדנונג און די נייע תקנות און רעפאָרמען, וועלכע זיינען דאָרט דורכגעפירט געוואָרן, פאַרזיכערן אים דעם כבוד, וואָס ער פאַרדינט אַלס הייליקער אָרט. דאָסגלייכן לאָזט זיך זאָגן אויך וועגן דער שטאָט־שול, שטאָטישע ביבליאָ־טעקן, אַנ—סקי־מוזיי, מרחץ א. אַנד. מוסדות, וועלכע האָבן מיט זייער איבער־גאַנג צו דער קהלה באַקומען די געהעריקע השגחה און קאָנטראָל איבער זייער ווירטשאַפט.

ס׳דאַרף נאָך דאָ דערמאָנט ווערן די אָרגאַניזאַציע פון דער שחיטה, וועלכע איז אַרויסגענומען געוואָרן פון די הענט פון יחידים און איז איבער־געגעבן געוואָרן דער קהלה, וועלכע האָט איבער איר די השגחה און קאָנטראָל. דאָס אַלץ, ווי אויך דער אייַנגעאָרדנטער ביוראָ־אַפּאַראַט און באַזונדערס דער נאָרמאַל־פונקציאָנירנדיקער עטאַט־אַפּאַראַט איז אָן ספק אַ פּאָזיטיווער אַקטיוו, וואָס וועט פאַרלייכטערן די אַרבעט דער קומענדיקער קהלה.

ס׳זיינען געווען בלתי ספק אויך חסרונות אין דער אַרבעט פון דער קהלה, אָבער נעמענדיק אין אַכט די באַדינגונגען, אין וועלכע דער קהלה איז אויסגעקומען צו אַרבעטן און דעם שווערן קאַמף, וואָס זי האָט גע־דאַרפט פירן אויף אַלע פראָנטן, מוז מען אָנערקענען, אַז זיי זיינען געווען אומפאַרמיידלעך.

מיר האָבן זיך דאָ הויפּטזעכליך אָפּגעשטעלט אויף די גרונט־פראַגן, מיט וועלכע דער יידישער קהלה אין ווילנע איז אויסגעקומען צו באַשעפטיקן זיך במשך פון איר קאַדענץ. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס אַלץ שעפּט נאָך ווייט ניט אויס איר פּאַקטישע אַרבעט סיי אויף דעם געביט פון דער ברייט־פאַרצווייגטער קהל׳שער ווירטשאַפט (זע באַריכטן פון די אָפּטיילונגען) און סיי אויף דעם געזעלשאַפטליך־נאַציאָנאַלן געביט, וואָס די קהלה אַלס די איינציקע רעפּרעזענ־טאַנץ פון דער יידישער באַפעלקערונג האָט געדאַרפט פירן. אויב ס׳איז ניט אַלץ אויסגעפירט געוואָרן אין דער פולער מאָס און אַזוי ווי דאָס לעבן האָט דיקטירט, איז דאָך אָבער אָפּגעטאָן געוואָרן אַ קאָלאָסאַלע אַרבעט, און די נייע קהלה, האָבנדיק פאַר זיך אונדזער נסיון און רייכע ערפאַרונג, וועט שוין קענען ערפאָלגרייכער פאָרזעצן די אָנגעהויבענע אַרבעט.

בכל אופן איז פאַר דער קינפטיקער קהלה צוגעגרייט געוואָרן אַ באָדן פאַר אַ פּלאַנמעסיקער שעפערישער אַרבעט לטובת דער יידישער באַפעלקערונג און ס׳איז אויסגעטראָטן געוואָרן אַ וועג פאַר דעם רעפּרעזענטאַטיוון פאַר־שטאַנד פון אונדזער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע — דער קהלה.

II.

וואַלן און קאָנסטיטואירונג

פון קהלה-ראַט און פאַרוואַלטונג.

די וואַלן צום קהלה־ראַט.

זינט דער צייט, ווען ס׳איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן די רעגירונגס־פאַר־אָרדענונג מכח פאַרשפרייטן דעם אַ. ג. פילסודסקי־געזעץ וועגן די קהלות אויף די קרעסן (באַשלוס פון מיניסטאָרן־ראַט פון 28/10 1925) זיינען דורכגעגאַנגען אַ פאָר יאָר, במשך פון וועלכע די פאָרשטייער פון דער אַלטער ניט־לעגאַליזירטער קהלה האָבן נאָך אַלץ ניט אויפגעגעבן זייערע האָפנונגען און באַמיאונגען אויסצווווירקן ביי דער רעגירונג, אַז ס׳זאָלן פאַרברייטערט ווערן די קאָמ־פעטענץ און וואַל־אָרדינאַציע פון דער קהלה. ביז דעם לעצטן מאָמענט האָט מען נאָך אַלץ געגלויבט, אַז די רעגירונג וועט פאָרט נעמען אין אַכט די ספּעציעלע באַדינגונגען אויף די קרעסן און וועט ענדערן דעם קהלות־געזעץ אין דעם זין, אַז ס׳זאָלן באַפרידיקט ווערן די הצטרכות און פאָדערונגען פון דעם גרעסטן טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג, וועלכע האָט זיך ביי פאַר־שיידענע געלעגנהייטן קלאָר אַרויסגעזאָגט פאַר אַ וועלטלעכער קהלה מיט ברייטע קאָמפּעטענצן.

די דאָזיקע אומבאַשטימטע לאַגע האָט געדויערט ביז דעם יאָר 1928, ווען ס׳איז ענדלעך באַוואוסט געוואָרן דער באַשלוס פון דער רעגירונג (פאַראָרדנונג פון בילדונגס־ און אמונות־מיניסטער פון 11/4 1928) מכח דורכפירן וואַלן צו דער ווילנער קהלה אויפן סמך פון רעגירונגס־געזעץ וועגן די קהלות פון 7/2 1919. נאָך אַ פאַרשטענדיקונג מיט דער אָרטיקער אויפזיכטס־מאַכט איז דער טערמין פון די וואַלן צום קהלה־ראַט באַשטימט געוואָרן אויף דעם 29־טן יולי 1928.

מ׳דאַרף באַמערקן, אַז די צייט פון די וואַלן צו דער נייער קהלה איז אויסגעפאַלן אין אַ מאָמענט פון אַ שווערן קריזיס אין לאַנד, וועלכער האָט זיך אין ווילנע געלאָזט פילן נאָך שאַרפער ווי אומעטום. די יידישע באַפעל־קערונג איז געווען שוין שטאַרק אויסגעשעפּט, מאַטעריעל און אויך גייסטיק דעפּרעמירט, אַזוי, אַז דער אינטערעס צו די וואַלן איז מהאַי טעמא געווען לכתחילה אַ שוואַכער. אָבער די ערקענטעניש פאַר דער שווערער לאַגע פון דער יידישער באַפעלקערונג און אויך די פליכט צו ראַטעווען די מוסדות און אינסטיטוציעס, וועלכע האָבן זיך געפונען אין אַ האַלב־גוססדיקן צושטאַנד, האָבן גובר געווען די רעזיגנאַציע־שטימונגען, און אַלע יידישע

גרופּירונגען, אָרגאַניזאַציעס און פּאַרטייען האָבן זיך ענערגיש גענומען גרייטן צו די וואַלן.

דאָ איז אָבער אַנטשטאַנען אַ נייע שוועריקייט און נעמלעך: לויט דער וואַל-אָרדינאַציע האָבן וואַל-רעכט נאָר מענער פון 25 יאָר אָן, וועלכע צאָלן עטאַט; היות אָבער ווי די אַלטע קהלה האָט דאָך ניט געהאַט קיין באַשטייערונגס-רעכט זיינען ממילא אויך ניט געווען קיין עטאַט-צאָלער; ס'איז געווען בלויז אַ באַגרענעצטער קרייז מענטשן, וועלכע האָבן פרייוויליק זיך באַשטייערט לטובת דער קהלה און געצאָלט אַ געוויסן אָפּצאָל. פון דער לאַגע האָט אַרויסגעפירט דער פונקט אין דער וואַל-אָרדינאַציע, וועלכער זאָגט, אַז די, וואָס צאָלן ניט קיין עטאַט, דאַרפן ביילייגן ספּעציעלע דעקלאַראַציעס, אַז זיי ווילן אָנטייל נעמען אין די וואַלן. אין הסכם מיט אָט דעם פונקט האָבן טאַקע אַלע פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס אונטערגענומען אַ ברייטע אַקציע צו זאַמלען דעקלאַראַציעס צווישן זייערע מיטגלידער און אָנהענגער. אַדאַנק דעם איז ביי דער באַפעלקערונג אַרויסגערופן געוואָרן אַ גרעסערער אינטערעס צו די וואַלן. בס"ה זיינען דורך אַלע גרופּירונגען געזאַמלט געוואָרן דעקלאַראַציעס און ס'זיינען אַריינגעטראָגן געוואָרן אין די וואַל-רשימות 7497 פּערזאָן אין עלטער פון 25 יאָר אָן. דורך די זעלבע גרופּירונגען זיינען אַריינגעטראָגן געוואָרן 11 ליסטעס, וואָס זיינען אַלע באַשטעטיקט געוואָרן.

די אַלגעמיינע צאָל אָפּגעגעבענע גילטיקע שטימען ביי די וואַלן האָט באַטראָפן 4707, ד. ה. בערך 62 פּראָצ. פון דער דעקלאַרירטער צאָל וואַל-באַרעכטיקטע.

דערפון האָבן די באַזונדערע פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס באַקומען פאָלגנדע צאָל שטימען אויף זייערע ליסטעס:

ציונים (צוזאַמען מיט „מזרחי")	905	שטימען
האַנטווערקער	720	"
בונד	566	"
אַחדות	532	"
סוחרים	457	"
אַגודה	386	"
קליינהענדלער	381	"
דעמאָקראַטן	329	"
הויזבאַזיצער	215	"
תפארת-בחורים	140	"
אַ גרופּע נאָוואָגאָראָדער בע"ב	76	"
בס"ה	4707	"

די צאָל ראַטמענער פון דער ווילנער קהלה איז דורכן רעסקריפּט פון מיניסטעריום פאַר בילדונג און אמונות באַשטימט געוואָרן אויף 25 פּערזאָן. אויף אַזאַ אופן האָט דער וואַל-מעטער באַטראָפן 181 און לויט דער צאָל שטימען האָבן די באַזונדערע פּאַרטייען און גרופּירונגען דורכגעפירט פאָלגנדע צאָל מאַנדאַטן:

די ציונים (צוזאַמען מיט „מזרחי")	5		ראַטמענער
האַנטווערקער	4		„
בונד	3		„
אַחדות	3		„
סוחרים	3		„
אַגודה	2		„
קליינהענדלער	2		„
דעמאָקראַטן	1	(2)	„
הויזבאַזיצער	1		„
תפארת-בחורים	1	(0)	„
גרופּע נאָוואָגאָראָדער בע"ב	0		—
צוזאַמען .	25		ראַטמענער

פּערזענלעכער צוזאַמענשטעל פון קהלה-ראַט.

אין רעזולטאַט פון די קהלה-וואַלן זיינען אַריין אין קהלה-ראַט אַלס קהלה-פּרנסים פאָלגנדע פּערזאָנען:

פון דער ציוניסטישער ליסטע:

1) ד"ר יעקב וויגאָדסקי,
2) בנימין עפּשטיין,
3) אינזש. אליעזר ספּיראָ,
4) ד"ר שלמה דויערמאַן,
5) שלמה ברוידאָ.

פון די האַנטווערקער:

1) אליעזר קרוק,
2) שמעון ליכטמאַכער,
3) שלמה בוקאַטמאַן,
4) מלך ראַכמאַן.

פון „בונד":

1) אינזש. אהרן קרעמער,
2) ברוך כהן,
3) יעקב זשעלעזניקאָוו.

פון אחדות:

1) ישראל סאָלאָווייטשיק,
2) אליהו גראָדזענסקי,
3) אליהו ווייץ.

פון די סוחרים:

1) אברהם פּאָליאַק,
2) אברהם (משה) זיידשנור,
3) שאול ראָזענטאַל.

פון דער „אגודה":

1) יוסף שוב,
2) מרדכי סווירסקי.

פון די קליינהענדלער:

1) יהושע ווידוטשאַנסקי,
2) אברהם גליקמאַן.

פון די דעמאָקראַטן:

1) ד"ר צמח שאַבאַד.

פון די הויזבאַזיצער:

1) גרשון זשוק.

פון תפארת־בחורים:

1) שמערל שאַראַפּאַן.

נאָך די וואַלן פון דער קהלה־פאַרוואַלטונג זיינען אַרויסגעטראָטן פון ראַט פאָלגנדע פּערזאָנען, ווייל זיי זיינען אויסגעוויילט געוואָרן אין דער פאַרוואַלטונג: אליעזר קרוק (האַנטווערקער), אברהם (משה) זיידשנור (סוחרים), ברוך כהן (בונד) און אליהו גראָדזענסקי (אחדות). אויף זייער אָרט זיינען אַריין אין ראַט: שלום טראַצקי (האַנטווערקער), אליהו פלאַקס (סוחרים), יואל נאָוויק (בונד) און מרדכי גאָרפינקל (אחדות).

די דעמאָקראַטישע גרופּע (ליסטע נומ. 1) איז געבליבן אומצופרידן מיט דער פאַרטיילונג פון די מאַנדאַטן און האָט דערלאַנגט אין סטאַראָסטווע

ראַט פון דער ווילנער קהלה.



זיצן פון רעכטס אויף לינקס: הערמאַן זשוק – וויצע־פאָרזיצער, א. ווייץ, וו. קרינסקי, ד״ר יעקב וויגאָדסקי – פאָרזיצער, ש. ברוידאָ, ש. גורוויטש, מ. גאַרפינקעל.

אַ רעקורס קעגן די וואַלן. זייער פּראָטעסט האָבן זיי מאָטיווירט דערמיט, וואָס ס׳איז ניט ווי געהעריק אָנאָנסירט געוואָרן וועגן די פאַרבינדונגס־ליסטעס. דער סטאַראָסטע האָט זייער טענה אָנערקענט פאַר אַ גערעכטע און האָט פאַר־געלייגט דער וואַל־קאָמיסיע דורכצופירן אַ נייע פאַרטיילונג פון די מאַנדאַטן אין קהלה־ראַט, ניט רעכענענדיק זיך מיט קיין שום פאַרבינדונג פון די וואַל־ליסטעס. אויף אַזאַ אופן איז דורכגעפירט געוואָרן אַ נייע פאַרטיילונג פון די מאַנדאַטן אין קהלה־ראַט און אויף דער זיצונג פון דער וואַל־קאָמיסיע פון 20־טן אָקטאָבער 1928 איז באַשלאָסן געוואָרן אָפּנעמען דעם איינציקן מאַנדאַט פון „תפארת בחורים" און אים אָוועקגעבן, אַלס אַ צווייטער מאַנדאַט, דער דעמאָקראַטישער גרופּע. אויפן אָרט פון ש. שאַראַפאַן (פון „תפארת בחורים") איז אַריין אין ראַט ברוך לובאַצקי אַלס צווייטער קאַנדידאַט פון דער דעמאָ־קראַטישער גרופּע.

די ווייטערדיקע ענדערונגען אין צוזאַמענשטעל פון ראַט און פאַרוואַלטונג:

אין משך פון דער קאַדענץ פון ראַט און פאַרוואַלטונג זיינען פאָרגעקומען פאָלגנדע ענדערונגען אין פּערזענלעכן צוזאַמענשטעל: פון דער דעמאָקראַטישער גרופּע (ליסטע נומ. 1) איז אַרויסגעטראָטן פון ראַט ד"ר צמח שאַבאַד און אויף זיין אָרט איז אַריין אַדוו. יוסף טשערניכאָוו; פון האַנטווערקער־פאַראיין (ליסטע נומ. 5) איז צוליבן טויט פון שלמה בוקאַטמאַן אַריין אויף זיין אָרט אין ראַט שמואל הורוויטש; פון די ציונים (נומ. 6) איז צוליב דעם אָפּזאָג פון בנימין עפּשטיין אַריין לייב פּינעס און שפּעטער, ווען לייב פּינעס איז אַרויסגעפאָרן קיין וואַרשע, איז אויף זיין אָרט אַריין שלמה פרידמאַן; פון סוחרים־פאַרבאַנד (נומ. 8) זיינען צוליב דעם אָפּזאָג פון אברהם פּאָליאַק און פלאַקס אַריין: זאב קרינסקי און אליהו אַבראַמאָוויטש אין אויפן אָרט פון פאַרשטאָרבענעם שאול ראָזענטאַל איז אַריין יעקב שוואַרץ.

פון פאַרוואַלטונג זיינען אַרויסגעטראָטן: פון „בונד" ברוך כהן און אויף זיין אָרט איז אַריין יעקב זשעלעזניקאָוו; פון די קליינהענדלער איז אויפן אָרט פון פאַרשטאָרבענעם צבי וועויער אַריין ישראל קראָניק; פון די ציונים איז אויפן אָרט פונ׳ם פאַרשטאָרבענעם חיים קראַסנאָסעלסקי אַריין יעקב פּינסק און שפּעטער נאָך זיין אַרויסטריט איז אַריין א. סוכאָוואָלסקי.

די קאָנסטיטואירונג פון קהלה־ראַט.

די ערשטע זיצונג פון נייעם קהלה־ראַט איז פאָרגעקומען דעם 9־טן סעפּטעמבער 1928. די קאָנסטיטואירונג פון פּרעזידיום איז אָבער אין דעם

טערמין נישט צושטאַנד געקומען צוליב דעם, ווייל ד״ר יעקב וויגאָדסקי האָט ניט באַקומען קיין אַבסאָלוטע מערהייט און האָט זיך אָפּגעזאָגט אָנצונעמען דעם אַמט. די וואַלן זיינען דעריבער אָפּגעלייגט געוואָרן אויף אַ וואָך צייט. די צווייטע קאָנסטיטואירונגס-זיצונג איז פאָרגעקומען דעם 17 סעפּטעמבער אין דער אָנוועזנהייט פון אַלע 25 ראַטמענער. אַלס פאָרזיצער פון קהלה-ראַט ווערט מיט אַן אַבסאָלוטער מערהייט אויסגעקליבן ד״ר יעקב וויגאָדסקי און אַלס וויצע-פאָרזיצער — גרשון זשוק.

וואלן פון דער פארוואלטונג.

די וואַלן פון דער פאַרוואַלטונג זיינען פאָרגעקומען אויף דער זיצונג פון ראַט דעם 21 אויגוסט 1928. ס׳האָבן פיגורירט בס״ה פאָלגנדע 7 קאַנדי-דאַטן-ליסטעס:

נומער 1 פון „בונד״, נום. 2 — קליינהענדלער, נום. 3 — אחדות, נום. 4 — סוחרים, נום. 5 — אגודה, נום. 6 — האַנטווערקער און נום. 7 — ציוניסטן צוזאַמען מיט „מזרחי״. די דעמאָקראַטישע גרופּע האָט זיך אין די וואַלן נישט באַטייליקט, ווייל זי האָט געהאַט צו יענער צייט בלויז איין מיט-גליד אין ראַט. די וואַלן האָבן געגעבן פאָלגנדע רעזולטאַטן:

די ציוניסטן האָבן באַקומען 3 פּרנסים: 1. יעקב שעסקין, 2. זלמן קליינשטיין, 3. חיים קראַסנאָסעלסקי.

די האַנטווערקער . 2 פּרנסים: 1. אליעזר קרוק, 2. אברהם גאָרדאָן.
די סוחרים . . . 2 „ : 1. אברהם זיידשנור, 2. אפרים פּרוזשאַן.
אחדות . . . . 2 „ : 1. אליהו גראָדזענסקי, 2. אהרן שטוקאַטאָר.
קליינהענדלער . . 1 פּרנס: צבי וועוויער.
אגודה . . . . 1 „ : אברהם וויגדאָרטשיק.
בונד . . . . 1 „ : ברוך כהן.

צוזאַמען 12 פּרנסים.

די נייע פאַרוואַלטונג האָט זיך קאָנסטיטואירט דעם 17-טן סעפּטעמבער 1928. אַלס פאָרזיצער פון דער פאַרוואַלטונג איז אויסגעוויילט געוואָרן מיט אַן אַבסאָליוטער מערהייט שטימען אליעזר קרוק (האַנטווערקער) און אַלס וויצע — אברהם-משה זייד שנור (סוחרים). שפּעטער איז אויסגעקליבן געוואָרן אין פּרע-זידיום אַלס ערן-סעקרעטאַר חיים קראַסנאָסעלסקי (ציונים) און נאָך זיין טויט אין יאָר 1930 איז אויף זיין אָרט אַריין אין פּרעזידיום יעקב שעסקין (ציוניסט).

גלייכצייטיק איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ רעגולאַמין-קאָמיסיע, אין וועלכע ס׳זיינען אַריין די ה״ה חיים קראַסנאָסעלסקי, אברהם זיידשנור און ברוך כהן. דער אויסגעאַרבעטער רעגולאַמין, וועלכער איז דורך דער

פארוואלטונג פון דער ווילנער קהלה.



זיצן פון רעכטס אויף לינקס: א. שטוקאַטער, י. שעסקין — ערן-סעקרעטאַר, הרב ה״ג ר׳ יצחק רובינשטיין (הרב דקהלה), אליעזר קרוק — פאַרזיצער, א. מ. זיידשנור — וויצע-פאַרזיצער, ז. קליינשטיין, א. פרוזשאַן.

פאַרוואַלטונג באַשטעטיקט געוואָרן, פּרעציזירט געניי די פליכטן און אַרבעט פון דער קהלה־פאַרוואַלטונג און פון אירע מיטגלידער און האָט געדינט אַלס יסוד פאַר דער ווייטערדיקער קהלה־אַרבעט.

צווישן אַנדערע איז כדאַי צו פאַרצייכענען דעם פּונקט פון רעגולאַמין (פּאַר. 25) וועגן דער גלייכבאַרעכטיקונג פון ביידע שפּראַכן (יידיש און העבּרעאיש) אין די פאַרהאַנדלונגען אויף די זיצונגען. אין העבּרעאיש און יידיש (אַ חוץ דער מלוכה־שפּראַך) דאַרפן אויך זיין אַלע מודעות, מעלדונגען און בלאַנקן פון דער קהלה־פאַרוואַלטונג. אין פאַל, ווען דאָס איז פאַרבונדן מיט גרעסערע הוצאות, דאַרפן זיי געדרוקט זיין אין יידיש און אין דער מלוכה־שפּראַך, דערביי דאַרפן די קעפּלאַך זיין אויך אין העבּרעאיש.

ס'דאַרף נאָך אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז לויטן רעגולאַמין האָבן די מיטגלידער פון ראַט דאָס רעכט אָנוועזנד צו זיין אויף די זיצונגען פון דער פאַרוואַלטונג און אַז פאַר געהיימע באַראַטונגען פאָדערט זיך אַ מערהייט פון 3/4 שטימען פון די אָנוועזנדע פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער.

די וואַלן פון די פּרעזידיומס פון ראַט און פאַרוואַלטונג זיינען דורך דער סטאַראָסטווע באַשטעטיקט געוואָרן דעם 12/10 1928 לויט אַ בריוו פון דער לעצטער פון 14/10 נומ. 5019/5. און דעם 28־טן אָקטאָבער 1928 האָבן די נייע קהלה־אָרגאַנען אָפיציעל איבערגענומען פון דער אַלטער קהלה אַלע ענינים און געשעפטס־פירונג. צוליב דעם צוועק איז אויף אַ געמיינזאַמער זיצונג פון ראַט און פאַרוואַלטונג אויסגעקליבן געוואָרן אַ ספּעציעלע קאָנטראָל־קאָמיסיע אין צוזאַמענשטעל פון די ה"ה: סווירסקי, זשעלעזניקאָוו, ליכט־מאַכער, ברוידאָ, שאַראַפאַן, פּאָליאַק, גליקמאַן און גראַדזענסקי, וועלכע זיינען באַפולמעכטיקט געוואָרן צו קאָנטראָלירן די ביכער, דאָקומענטן און צוגעשטעלטן דורך דער אַלטער קהלה פינאַנס־באַריכט אויפן 1־טן נאָוועמבער 1928 יאָר.

בכדי צו אָרגאַניזירן די פּאַקטישע אַרבעט פון דער קהלה זיינען קודם כל נויטיק געווען געלט־מיטלען, וועלכע די קהלה האָט ניט געהאַט. די קהלה האָט אויך געמאַכט גרעסערע אויסגאַבן ביים אָרגאַניזירן די וואַלן און ס'איז ניט געווען פון וואַנען זיי צו דעקן. דער איינציקער מיטל איז געווען צו מאַכן ערגעץ אַ הלואה, אָבער די בענק האָבן קיין הלואה נישט געוואָלט געבן, ווייל ס'איז נאָך ניט באַוואוסט געווען פון וואַנען וועט די קהלה האָבן זי צו דעקן. דאָ איז אָבער צו הילף געקומען דער ווילנער סטאַראָסטע, וועלכער האָט אַרויסגעגעבן דער קהלה גאַראַנטיע־בריוו אויף אַ סומע פון 8000 גילדן און אַזוי אַרום איז געלונגען צו באַקומען אַ גרעסערע הלואה אין בונימאָוויטשעס באַנק און אויך אין סוחרים און קליינהענדלער־באַנק.

די ערשטע אַרבעט פון דער פאַרוואַלטונג איז געווען צו אָרגאַניזירן די

עטאַט-אַפּטיילונג און אויך דעם ביוראָ-אַפּאַראַט. ס'זיינען אויך געשאַפן געוואָרן אַ ריי קאָמיסיעס אויף אָנצופירן מיט דער אַרבעט.

ביי היינטיקן טאָג עקזיסטירן ביי דער קהלה פאָלגנדע קאָמיסיעס:

פּרעזידיאַל-קאָמיסיע: פאָרזיצער א. קרוק, וויצע-פאָרזיצער א. זיידשנור און מיטגליד י. שעסקין, קהלה-פאַרוואַלטער י. ווערבלינסקי.

ציטווייליקע פינאַנס-קאָמיסיע: א. זיידשנור, י. שעסקין, א. שטוקאַטאָר, וו. סוכאָוואָלסקי, א. גראָדזענסקי און א. קרוק (עקס-פּרעזידיאָ).

1) קאָמיסיע פאַר קולטור-ענינים: פאָרזיצער ב. ליובאָצקי, ש. פרידמאַן — סעקרעטאַר; מיטגלידער: ד״ר ש. דויערמאַן (לעצטנס אַרויסגעפאָרן קיין א״י), א. קרעמער, ש. ליכטמאַכער, א. גליקמאַן (איצט אין א״י), א. גראָדזענסקי און י. פינסק.

2. קאָמיסיע פאַר סאָציאַלע פאַרזאָרגונג: א. זיידשנור — פאָרזיצער; מיטגלידער: א. אַבראַמאָוויטש, מ. גאָרפינקעל, י. ווידוטשאַנסקי, מ. ראַכמאַן, ב. ליובאָצקי, ש. ברוידאָ, ר. שמוקלער, י. זשעלעזניקאָוו און י. פינסק.

3) קאָמיסיע פאַר רעליגיעזע ענינים: הרב רובינשטיין — פאָרזיצער, מיטגלידער: ש. ברוידאָ, ז. קליינשטיין, ש. הורוויטש, י. סאָלאָווייטשיק, ז. קרינסקי און א. שטוקאַטאָר.

4) קאָמיסיע פאַרווירטשאַפטס-ענינים: גרשון זשוק — פאָרזיצער; מיטגלידער: ש. ברוידאָ, מ. גאָרפינקעל, י. ווידוטשאַנסקי, טראָצקי, ר. שמוקלער, ז. קליינשטיין, א. זיידשנור און א. גראָדזענסקי.

5) קאָמיסיע פאַרן בית-החיים: פון קהלה: י. שעסקין, א. פרוזשאַן און א. שטוקאַטאָר; פון צ״ג: י. דיין, ט. בונימאָוויטש און ב. פּרנס.

6) סוב-קאָמיסיע פאַר הייזער ביי דער ווירטשאַפטס-קאָמיסיע: ב. פּרנס — פאָרזיצער; מיטגלידער: מ. גאָרפינקעל, ר. שמוקלער, י. ווידוטשאַנסקי, ש. טראָצקי, ז. קליינשטיין, מ. דיין, א. פרוזשאַן און א. שטוקאַטאָר.

7. קאָנטראָל-קאָמיסיע: צו 1 פאָרשטייער פון יעדער פראַקציע: ש. ברוידאָ, י. שוואַרץ, ש. הורוויטש, א. קרעמער, ג. זשוק, ב. ליובאָצקי, י. ווידוטשאַנסקי, סווירסקי און ווייץ.

8) ועד פון גרויסער שול: הרב רובינשטיין—יו״ר; מיטגלידער: פ. דעסלער, ע. שעסקין, ר. גערשאַטער, טויבין, ב. פּרנס, ז. קליינשטיין, א. שטוקאַטאָר און מ. דיין.

9) ועד פון סטראַשונס ביבליאָטעק: הרב רובינשטיין — פּאָרזיצער; מיטגלידער: ד״ר א. ווירשובסקי, ד״ר ג. גרשון, וו. אסתּרין, ד״ר יוסף רובינשטיין (איצט אין א״י) און דער פאַרוואַלטער פון ביבליאָטעק סטראַשון, אַ חוץ דעם פון קהלה־פּרעזידיום: א. קרוק, א. זיידשנור, י. שעסקין.

10) קאָמיסיע פאַר מפיצי־השכלה־ביבליאָטעק: א. זייד־שנור, א פּרוזשאַן, א. גליקמאַן (איצט אין א״י), ד״ר דויערמאַן (אין א״י), ב. ליובאָצקי, צעמעל, אידעלסאָן, גאָלדבערג און קראַסני (פאַרוואַלטער פון ביבליאָטעק).

אין פאַרלויף פון דער קאַדענץ פון דער פאַרוואַלטונג זיינען פאָרגעקומען פאָלגנדע ענדערונגען אין פּערזענלעכן צוזאַמענשטעל:

אויפן אָרט פון אַרויסגעטראָטענעם פון פאַרוואַלטונג ב. כּהן (בונד) איז אַריין י. זשעלעזניקאָוו. אויפן אָרט פון פאַרשטאָרבענעם צבי וועוויער (קליינה.) איז אַריין י. קראָניק. אויפן אָרט פון פאַרשטאָרבענעם ד״ר קראַסנאָסעלסקי איז אַריין י. פּינסק, וועלכער איז שפּעטער אַרויסגעטראָטן און אויף זיין אָרט איז אַריין וו. סוכאָוואָלסקי.

ווייטערדיקע ענדערונגען אין פּערזענלעכן צוזאַמענ־שטעל פון ראַט:

ביי די ציונים: אויף דעם אָרט פון אַרויסגעטראָטענעם ב. עפּשטיין איז אַריין ל. פּינעס, שפּעטער איז אויך ל. פּינעס אַרויסגעטראָטן און אויף זיין אָרט איז אַריין ש. פרידמאַן. אויפן אָרט פון ד״ר ש. דויערמאַן, וועלכער איז אַרויסגעפאָרן קיין א״י, איז אַריין ר. שפּונט.

ביי די האַנטווערקער: אויפן אָרט פון פאַרשטאָרבענעם שלמה בוקאַטמאַן איז אַריינגעטראָטן ש. הורוויטש.

ביים „בונד": אויפן אָרט פון י. זשעלעזניקאָוו, וועלכער איז אַריין אין פאַרוואַלטונג, איז אַריינגעטראָטן ר. שמוקלער.

ביי די סוחרים: אויפן אָרט פון אַרויסגעטראָטענעם א. פּאָליאַק איז אַריין ז. קרינסקי; אויפן אָרט פון א. פלאַקס אַריין א. אַבראַמאָוויטש און אָנ־שטאָט דעם פאַרשטאָרבענעם ש. ראָזענטאַל אַריין יעקב שוואַרץ.

ביי די קליינהענדלער: אָנשטאָט א. גליקמאַן, וועלכער איז אַרויסגעפאָרן קיין א״י, איז אַריין ש. אָפּמאַן.

ביי די דעמאָקראַטן: אויפן אָרט פון אַרויסגעטראָטענעם ד״ר שאַבאַד איז אַריין אַדוו. טשערניכאָוו.

די טעטיקייט פון ראט.

די ערשטע אויפגאבע פונ׳ם נײ־אויסגעוויילטן ראט איז געווען צו שאפן אן ארבעטס־פעאיקע מערהייט. דאס איז געווען ניט קיין לייכטע זאך צוליב כמה טעמים און ראשית כל צוליב דעם, ווייל קיין איינע פון די פארטייען אדער ווירטשאפטלעכע גרופן האט ניט געהאט קיין אבסאליוטע מערהייט.

די אלגעמיינע צאל ראטמענער אין ראט האט באטראפן 25, אזוי אז פאר אן אבסאלוטער מערהייט איז נויטיק געווען 13 ראטמענער. אזא צאל האט אבער קיין איינע פון די פארטייען ניט געהאט. די צוויי שטארקסטע פארטייען אין ראט — די ציונים און אגודה האבן געהאט ביידע צו 5 ראטמענער: די ערשטע צוזאמען מיט מזרחי און די צווייטע צוזאמען מיט אחדות. ס׳איז, אלזא, פון לכתחילה קלאר געווען, אז אן די ווירטשאפטלעכע גרופן קען קיין ארבעטס־פעאיקע מערהייט ניט געשאפן ווערן. די פראגע איז נאר געווען מיט וועמען וועלן גיין די ווירטשאפטלעכע גרופן, וועלכע האבן צוזאמען (סוחרים, האנטווערקער און קליינהענדלער) געהאט 10 ראטמענער און צוזאמען מיטן פארשטייער פון הויזבאזיצער 11. דידאזיקע פראגע איז באלד קלאר געווארן ביי די וואלן פון פארזיצער פון ראט: כמעט אלע ראטמענער פון די ווירט־שאפטלעכע גרופירונגען האבן געשטימט פאר דעם ציוניסטישן קאנדידאט ד״ר יעקב וויגאדסקי, וועלכער האט אזוי ארום באקומען אן אבסאליוטע מערהייט מיט דערזעלבער מערהייט איז שפעטער אויך אויסגעוויילט געווארן הרב יצחק רובינשטיין (מזרחי) אלס קהלה־רב.

דידאזיקע מערהייט איז אויך איינגעהאלטן געווארן במשך פון דער גאנצער צייט פון דער קהלה־קאדענץ. ס׳דארף דערביי באטאנט ווערן, אז אין דער געשאפענער פאראייניקונג האבן די ציוניסטן אויסגעמאכט א מינדערהייט (בס״ה 5 ראטמענער אויף 11 פון די ווירטשאפטלעכע גרופירונגען) און די איבערוואג כמעט ביי אלע אפשטימונגען האט געהערט צו די ווירטשאפטליכע גרופירונגען.

צוליב די סכסוכים, וועלכע זיינען די ערשטע צייט אנטשטאנען אין קהלה ארום דער רבנות־שאלה, צדקה־גדולה א. א. פלעגן די פלענומס פון ראט טראגן א שטורמישן כאראקטער און ניט זעלטן פארוואנדלט ווערן אין פשוטע מיטינגען מיט סקאנדאלן און אבסטרוקציעס מצד די עקסטרעמע גרופן און נאר א דאנק דער קלוגער און טאקטישער פירונג פונם פארזיצער ד״ר יעקב וויגאדסקי און דער אלגעמיינער אכטונג צו זיין פערזאן איז אים גע־לונגען איינצוהאלטן דעם כבוד און פרעסטיזש פון דער קהלה אויף דער גע־העריקער הויך.

שפּעטער, ווען אָט די שווערע שטרייט־ענינים זיינען ליקווידירט געוואָרן זיינען שוין די פּלענומס פון ראַט פאָרגעקומען זעלטענער און אויך ביי אַ מער רואיקער אַטמאָספער און די עיקר־אַרבעט פון דער קהלה איז קאָנצענ־טרירט געוואָרן אין פאַרוואַלטונג, וועלכע האָט געטראָגן אויף זיך די גאַנצע לאַסט פון דער פּראַקטישער אַרבעט.

דעם קהלה־ראַט איז זייער אָפט אויסגעקומען צו רעאַגירן און אָננעמען אַ שטעלונג צו געשעענישן אָדער פראַגן, וועלכע האָבן ניט געהאַט קיין דירעקטע שייכות מיט זיין טעטיקייט און האָבן זיך געפונען אויסער די ענגע ראַמען פון דער קהילה־קאָמפּעטענץ. דאָס זיינען אָפטמאָל געווען אַזעלכע פראַגן, וועלכע האָבן אָנגערירט ניט בלויז דאָס יידישע לעבן אין ווילנע, נאָר דאָס לעבן פון דעם יידישן קבוץ בכלל.

אַזוי למשל איז גלייך נאָך די טרויעריקע אב־געשעענישן (תרפ״ט) אין ארץ־ישראל, וואָס האָבן בשעתו אויפגעטרייסלט די גאַנצע יידישע באַפעל־קערונג אין ווילנע, צונויפגערופן געוואָרן תיכף אַן אויסערגעוויינלעכע זיצונג פון קהלה־ראַט, אין וועלכער ס׳האָבן זיך אויך באַטייליקט אַלע מיטגלידער פון דער פאַרוואַלטונג. אויף דער דאָזיקער געמיינזאַמער זיצונג איז אָנגענומען געוואָרן אַ שאַרפע פּראָטעסט־רעזאָליוציע קעגן די שולדיקע אין די טרויעריקע געשעענישן און אויך אַ דערמונטערונגס־גרוס פאַר די העלדישע פאַרטיידיקער פון יידישן ישוב אין א״י. דידאָזיקע פּראָטעסט־רעזאָלוציע איז טעלעגראַפיש איבערגעשיקט געוואָרן צו דער ענגלישער רעגירונג אין לאָנדאָן און דעם פעלקער־בונד אין זשענעווע. גלייכצייטיק איז לויט דער איניציאַטיוו פון דער קהלה פּראָקלאַמירט געוואָרן אַ הילפס־אַקציע צו זאַמלען געלט לטובת די פּאָגראָם־געליטענע אין ארץ־ישראל. ס׳איז אויך אַרויסגעלאָזט געוואָרן אַן אויפ־רוף צו אַלע ווילנער יידן מיט אַן אַפּעל אָנטיילצונעמען אין אַ פּראָטעסט־דעמאָנסטראַציע און צו שליסן אַלע געשעפטן און וואַרשטאַטן אַלס צייכן פון טרויער און פּראָטעסט.

דער קהילה־ראַט האָט שפּעטער אויך פּראָטעסטירט קעגן דער גזירה פון דער א״י־רעגירונג אָפּצושטעלן די עליה קיין א״י און האָט דורך זיינע פאָרשטייער אָנטייל גענומען אין דער אַלפּוילישער קהלות־קאָנפערענץ פון 20/v 1930 אין וואַרשע, וואָס איז ספּעציעל צוזאַמענ־גערופן געוואָרן, כדי צו פּראָטעסטירן קעגן דעם אַטענטאַט אויפן יידישן ישוב אין א״י.

די ווילנער קהלה האָט דורך איר פאָרשטייער הרב רובינשטיין אָנטייל גענומען אויך אין אַ ריי אי־טערנאַציאָנאַלע יידישע קאָנפערענצן און אין אַנד. נאַציאָנאַלע אַקציעס, ביי וועלכע ס׳האָט זיך געפאָדערט צום אויסדרוק ברייג־גען דעם ווילן און געפילן פון דער ווילנער יידישער געזעלשאַפט סיי כלפּי־פנים און סיי כלפּי־חוץ.

פון די וויכטיקערע פראַגן, וועלכע טראָגן אַ לאָקאַלן כאַראַקטער, איז כדאַי אויך אָנצווייזן אויף דער אַקציע, וואָס די קהלה אַלס די פאָרשטייערין פון ווילנער יידן האָט געפירט בעת די נאָוועמבער-געשעענישן אין יאָר 1931. אויכער מאַטעריעלע און יורידישע הילף פאַר די געליטענע פון די געשעענישן האָט די קהלה אויך איבערגענומען אויף זיך דעם שוץ פון דער יידישער באַפעלקערונג כלפּי דער מאַכט און דורך אַ ריי אינטערווענצן מיטגעווירקט, אַז די געשעענישן זאָלן וואָס גיכער ליקווידירט ווערן.

דערביי דאַרף באַטאָנט ווערן, אַז סיי אין דעם דערמאָנטן פאַל און סיי ביי אַנדערע פאַלן איז די ווילנער קהלה געשטאַנען אויף דער געהעריקער הויך און האָט מיט ווירדע, ווי ס׳פּאַסט פאַר אַ קהלה פון אַזאַ באַדייטנדן יידישן קבוץ, פאַרטיידיקט דעם יידישן כבוד.

טרויער-בלאַט.

די מיטגלידער פון ראַבינאַט, קהלה-פאַרוואַלטונג און קהלה-ראַט, וועלכע זיינען געשטאָרבן בעת דער איצטיקער קהלה-קאַדענץ 1933—1928.

מיטגלידער פון ראַבינאַט:

הרה"ג ר' מנחם מענדיל קראַקאָווסקי

נפטר געוואָרן י"ג מרחשון תרפ"ט (1929).

הרב ר' נח מאיר באַסין

נפטר געוואָרן כ' מרחשון תרצ"א (1931).

הרב ר' שמשון ש"ס

נפטר געוואָרן י"ח אדר א' תרצ"ב (1932).

הרב ר' משה יעקב ראַבינאָוויטש (מיישאַגאָלער)

נפטר געוואָרן כ"ד ניסן תרצ"ג (1933).

הרב ר' חיים זשאַלודאָק

נפטר געוואָרן ג' תשרי תרצ"ג (1933).

מיטגלידער פון קהלה־פארוואלטונג:

חיים ב"ר אשר קראסנאסעלסקי —
(צאָן־דאָקטאָר)

נפטר געוואָרן ג׳ אדר תרצ"א (1931).

צבי ב"ר יחזקאל ווענויער

נפטר געוואָרן ט׳ סיון (תרצ"א (1931).

מיטגלידער פון קהלה־ראַט:

שלמה בוקאַטמאַן

נפטר געוואָרן י"ח אלול תרפ"ח (1928).

אברהם ב"ר מרדכי פאָליאַק

נפטר געוואָרן ג׳ אדר א׳ תרפ"ט (1929).

בנימין ב"ר מרדכי עפשטיין

נפטר געוואָרן י"ט ניסן תרצ"ב (1932).

שאול ב"ר משה אליעזר ראָזענטאַל

נפטר געוואָרן ט"ז שבט תרצ"ב (1932).

III.

באַריכטן

פון די אפּטיילונגען.

עטאַט-אָפּטיילונג.

אין ערשטן העלפט פון 1929 איז די קהלה-פאַרוואַלטונג צוגעטראָטן צו אָרגאַניזירן די עטאַט-אָפּטיילונג פון דער קהלה, נישט האָבנדיק קיין שום מיטלען אויף צו דעקן די סאַמע נויטיקע אויסגאַבן, און אויך נישט קיין עווידענץ פון דער היגער יידישער באַפעלקערונג.

צו דעם צוועק האָט די קהלה-פאַרוואַלטונג קודם-כל געווענדעט זיך מיט בריוו צו אַלע היגע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס מיט דער ביטע וועגן צו-שיקן די רשימות פון זייערע מיטגלידער. אויסער דעם פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין פון די האַנדלס-אָנגעשטעלטע האָבן כמעט אַלע אָרגאַניזאַציעס צוגעשיקט דער קהלה דעם פון איר פאַרלאַנגטן מאַטעריאַל.

נאָכן באַקומען דעם מאַטעריאַל האָט די קהלה-פאַרוואַלטונג צונויפגע-שטעלט פּראָוויזאָרישע רשימות פון די עטאַט - צאָלער און אַיינגעלאָדן פאָר-שטייער פון די אַלע אָרגאַניזאַציעס און פאַראיינען, כדי צוזאַמען מיט זיי פעסטצושטעלן די הויך פון דעם עטאַט. דאָ דאַרף אונטערגעשטראָכן ווערן די אָפּפערווויליקע אַרבעט פון די אַלע פאָרשטייער, וועלכע פלעגן טאָג-טעגלעך אַרבעטן איבער די באַשטייערונגס-רשימות ביז 3—2 ביינאַכט.

פאַרטיק ווערנדיק מיט די עטאַט-רשימות, האָט די פאַרוואַלטונג פונאַנ-דערגעשיקט פאָלגנדיקן בריוו צו די באַשטייערטע פּערזאָנען:

„ווילנער יידן!

לאַנגע יאָרן צייט האָט אונזער יידישער געזעלשאַפטלעכער לעבן געוואַרט אויף אַ סטאַבילער פאָרם פון יידישן אויטאָנאָמען זעלבסטפאַרוואַלטונג-אָרגאַן, וועלכער זאָל קאָנען שטיצן און אַריינטראָגן אָרדנונג אין אַלע אונזערע אינ-סטיטוציעס. נאָך די לאַנגע און שווערע יאָרן פון רואינירונג האָבן מיר סוף כל סוף באַקומען אַ מעגלעכקייט צוצוטרעטן צום בנין פון אַ יידישער קהלה אין אַזא עיר ואם בישראל, ווי ווילנע—ירושלים-דליטא.

די שווערע עקאָנאָמישע לאַגע אָבער, וועלכע דריקט אומגעהייער אויף דער יידישער באַפעלקערונג, ווי אויך די שרעקלעכע צעשפּליטערטקייט און

אָפּגעלאָזנקייט, וואָס הערשט אויף אַלע געביטן פון יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן, פאַרשוועט ממש יעדן שריט און טריט פון דער קהלה-פאַרוואַלטונג.

די פריערדיקע קהלה האָט היבשע יאָרן געפירט איר אַרבעט אַלס ניט לעגאַליזירטע און האָט זיך אויפגעהאַלטן נאָר אַדאַנק דער טעטיקייט פון יחידים און נדבות פון אַ ניט באַדייטנדן קרייז פרייוויליקע נדבנים און איצט ביים איבערנעמען די ירושה פון שווערן עבר האָבן מיר באַקומען אַ שרעקלעכן דלות מיט גרויסע חובות אין פיל אינסטיטוציעס, וועלכע מוזן באַקומען שנעלע הילף, צוליב וואָס די פאַרוואַלטונגס-מיטגלידער זיינען אַפילו געצוואונגען געווען צו געבן פערזענלעכע וועקסלען און שאַפן מיטלען דורך פריוואַטע הלואות, כדי צו דעקן כאָטש אַן אומבאַדייטנדן טייל פון די נויטן.

די אַלע מיטלען זיינען אָבער ווי אַ טראָפּן אין ים און קאָנען ניט שאַפן די סומען, וועלכע זיינען נויטיק אויף ניט צו דערלאָזן געשלאָסן צו ווערן אונ-זערע נאַציאָנאַלע שולן און הונגערן אונזערע יתומים.

ביזן מאָמענט, ווען דער געזעצלעכער און יושרדיקער עטאַט וועט צו-נויפגעשטעלט, באַשטעטיקט און איינגעקאַסירט ווערן, מוזן אַ ריי אינסטיטוציעס באַקומען גיכע הילף! די שולן, יתומים-הייזער א. א. קאָנען ניט וואַרטן! און מיר ווילנער יידן קאָנען ניט דערלאָזן, אַז צוליב אַ צייטווייליקן דוחק אין מיטלען זאָלן חרוב ווערן אינסטיטוציעס, וועלכע זיינען דורכגעטראָגן געוואָרן אין אַלע שווערסטע צייטן און מהומה-יאָרן.

יידן פון ווילנע! אַ גאַנצע ריי יאָרן האָבן די אינסטיטוציעס זיך אויס-געהאַלטן כמעט אויסשליסלעך מיט ניט קיין אָרטיקע מיטלען, איצט אָבער איז געקומען אַ צייט, אַז פון אַמעריקע אָדער אַנדערע ערטער באַקומען מיר קיין שטיצע ניט, און ווילנער יידן מוזן איבערנעמען אויף זיך די אַחריות און דורכפירן אַ צייטווייליקע זעלבסט-באַשטייערונג אויף צו ראַטעווען די אינסטי-טוציעס, וועלכע זיינען אין סכנה.

די מאָנאַטלעכע זעלבסט-באַשטייערונג מיט די איינמאָליקע נדבות מוזן אונז מיטהעלפן צו אָרגאַניזירן דעם קהלה-אַפּאַראַט אויף געהעריקע געזונטע יסודות.

מיר ווענדן זיך צו אייך, ווילנער יידן, מיט דער פולסטער האָפענונג, אַז איר וועט אונז העלפן בויען דעם גרויסן נאַציאָנאַלן בנין — די ווילנער קהלה! זאָל דער ווילנער צבור ניט פאַרשעמען זיינע שלוחי-צבור און העלפן זיי אין דעם שווערן מאָמענט!

מיט דרך-ארץ

ראַט און פאַרוואַלטונג פון דער יידישער קהלה אין ווילנע.

פ. ס. אין די נאָע:טסטע טעג וועלן אייך באַזוכן אונזערע פאָרשטייער; איר

ווערט געבעטן זיי אויפצונעמען בסבר פנים יפות און אונז מיטהעלפן אין בויען אונזער נאציאנאלן בנין — די יידישע קהלה אין ווילנע."

למען האמת מוז מען באמערקן, אז די ווילנער יידן האבן זיך זייער ווארים אפגערופן אויפן רוף פון דער פארוואלטונג און אזוי ארום דערמעגליכט איר אנצוהויבן א נארמאלע ארבעט. שפעטער האט די פארוואלטונג ארויס־באקומען פון דער מעלדונגס־ביורא די רשימות פון דער היגער באפעלקערונג און אזוי ארום געשאפן א מער־ווייניקער ריכטיקע עווידענץ פון דער באפעל־קערונג און אויך א קארטאטעק.

די באשטייערונג פארן לויפנדיקן 1929 יאר האט זיך געצויגן ביזן ענדע יאר. אין דער צווישנצייט איז געשאפן געווארן אן עטאט־קאמיסיע און אויך א רעקורס־קאמיסיע און אויף אזא אופן איז ביסלעכווייז נארמאליזירט געווארן די ארבעט פון דער עטאט־אפטיילונג, וואס האט ביז אהער געארבעט אן א פלאן און אן יעטווידער סיסטעם.

די עטאט־קאמיסיע האט ביים פעסטשטעלן די עטאט־סומע פון יעדער פערזאן זיך געשטיצט אויף פאלגנדע פונקטן: דער פארדינסט פון עטאט־צאלער, זיין פארמעגן און זיין אנטייל אין די פילאנט־אפישע געזעלשאפטן.

פאקטיש האט די עטאט־קאמיסיע געהאלטן, אז יעדער ייד, וואס קומט נאר נישט אן נאך געזעלשאפטלעכע שטיצע, דארף באשטייערט ווערן כאטש מיט א מינימום לטובת דער קהלה, הגם די קאסטן פון אויפמאנען דעם עטאט אין אזעלכע פאלן זיינען פיל גרעסער, ווי די עטאט־סומע. דערביי איז זיך נוהג די עטאט־קאמיסיע צו אינפארמירן זיך יעדן יאר, דורך דעם אינפארמאציע־אפאראט ביי דער עטאט־אפטיילונג, וועגן דעם מצב פון עטאט־צאלער, וואס ווערט על פי רוב פון יאר צו יאר אלץ ערגער. ניט זעלטן האט אויך פאסירט, אז די לאגע פונ׳ם עטאט־צאלער פלעגט אין דער צווישן־צייט פון פעסט־שטעלן דעם עטאט ביזן צושיקן אים די אויפפאדערונג צו באצאלן דעם עטאט זיך פארערגערן. אין אזעלכע פאלן זאמלט די עטאט־קאמיסיע אינפארמאציעס פון דאס ניי און רעווידירט דעם עטאט אין זין פון דער ענדערונג, וואס איז פארגעקומען אין דער לאגע פונ׳ם עטאט־צאלער.

די יידישע באפעלקערונג האט שטענדיק ארויסגעוויזן פון איר זייט א געהעריקע פארשטענדעניש פאר די אויפגאבן פון דער קהלה־פארוואלטונג און האט געצאלט דעם עטאט מער־ווייניקער רעגולער. די עטאט־קאמיסיע, ווידער, באמיט זיך מיט אלע כוחות צו מאכן די עטאט־צאלער כלערליי פאר־לייכטערונגען, ווי דאס אננעמען דעם עטאט אין וועקסלען, דאס פונאנדער־לייגן די עטאט־חובות אין ראטעס און מיידט אויס, ווי ווייט מעגלעך, אפצו־שיקן די רשימות פון די חובות אין שטייער־אמט. און ווען ס׳געשעען שוין יא

אַזעלכע פאַלן, קריגן אַלע עטאַט-צאָלער פריער וואָרנונגס-בריוו מיט אַ באַשטימטן טע־מין צו באַצאָלן דעם עטאַט אין קהלה. ערשט ווען דאָס העלפט אויך נישט, ווערן שוין לית-ברירה אָנגענומען די לעצטע מיטלען.

ביי דער עטאַט-אָפּטיילונג עקזיסטירט אויך אַ רעקלאַמאַציע-קאָמיסיע, אין וועלכער ס'זיינען פאַרטראָטן אַלע פראַקציעס פון קהלה-ראַט.

אין דער רעקלאַמאַציע-קאָמיסיע גייען אַריין: א. פּרושאַן — פאָרזיצער, י. שטוקאַטאָר און מ. גאָרפינקעל — וויצע-פאָרזיצערס, מיטגלידער: א. זיידשנור, ה. זשוק, א. וויגדאָרטשיק, ש. אָפּמאַן, א. גאָרדאָן, מ. ראַכמאַן, י. זשעלעזניקאָוו, א. סוכאָוואָלסקי, י. טשערניכאָוו, י. שעסקין און רעפערענט פון עטאַט-אָפּטיילונג א. פלאַקס.

צו יעדער זיצונג פון דער רעקלאַמאַציע-קאָמיסיע ווערן צוגעלאָזן פאָרשטייער פון דער בראַנזשע אָדער פּראָפעסיע, צו וועלכער ס'געהערט דער עטאַט-צאָלער, וואָס האָט אָנגעגעבן דעם רעקורס. אויך דער עטאַט-צאָלער אַליין האָט אויף זיין פאַרלאַנג דאָס רעכט צו קומען צו דער זיצונג פון דער רעקלאַמאַציע-קאָמיסיע און אָפּגעבן ערקלערונגען. דאָס פאַרלאַנגזאַמט טאַקע די אַרבעט פון דער רעקורס-קאָמיסיע. פון יעדער רעקלאַמאַציע ווערט גענומען אַן אָפּצאָל פון 50 גר. ביז 3 גילדן.

פּרעלימינירטער עטאַט פאַר די יאָרן 1932—1929.

פדי צו געבן אַ קלאָרן בילד וועגן די אַלע ענדערונגען, וועלכע זיינען פאָרגעקומען אין דער צאָל פון די עטאַט-צאָלער, ווי אויך אין די עליות און ירידות אינ'ם אַלגעמיינעם סכום פונ'ם עטאַט-שטייער ברענגען מיר דאָ פאָלגנדע פאַרגלייכונגס-טאַבעלע:

טאַבעלע נומ' 1.

יאָר	עטאַט-צאָלער: צאָלער	עטאַט-צאָלער: %	עטאַט-סומע: גילדן	עטאַט-סומע: %	דורכשניטלעכער עטאַט
1929	5583	100	277,855	100	49
1930	6070	100,1	332,728	119,3	54
1931	8012	143,5	342,485	122,8	42
1932	7975	142,8	357,755	128,3	44

פּרעלימינירטער עטאַט פאַר די יאָרן 1929—1932.

טאַבעלע נומ׳ 2.

עטאַט־נאָרמע	1929 צאָלער פּערזאָן	1929 צאָלער %	1929 עטאַט גילדן	1929 עטאַט %	1930 צאָלער פּערזאָן	1930 צאָלער %	1930 עטאַט גילדן	1930 עטאַט %
50—1	4631	83.	57.117	21	4437	62,7	49.980 —	15
100—51	430	7,7	35.738	13	777	10,9	47.738,76	14,2
300—101	294	5,3	48.770	18	1633	23,1	108,030,16	32,4
600—301	181	3,2	83.770	30	183	2,7	84.520,—	25,4
1500—601	40	0,7	37.440	13	37	0,5	35,860,—	11,0
3000—1501	7	0,1	15.020	5	3	0,1	6.600,—	2,0
	5583	100	277.855	100	7070	100	332.728,92	100

עטאַט־נאָרמע	1931 צאָלער פּערזאָן	1931 צאָלער %	1931 עטאַט גילדן	1931 עטאַט %	1932 צאָלער פּערזאָן	1932 צאָלער %	1932 עטאַט גילדן	1932 עטאַט %
50—1	6504	81,2	109.617	32	6487	81	103. 72	29
100—51	775	9,6	52.890	15	741	9,2	50.743	14
300—101	598	7,5	105.328	31	567	7,0	95.930	27
600—301	112	1,4	50.460	15	138	2,0	63.200	18
1500—601	22	0,3	21.590	6	39	0,5	38.110	11
3000—1501	1	0,01	2.600	1	3	0,03	6.200	1
	8012	100	342.485	100	7975	100	357.755	100

אײַנגעפלאָסענער עטאַט.

טאַבעלע נומ׳ 3.

במשך פון יאָר 1929	במשך פון יאָר 1930	במשך פון יאָר 1931	במשך פון יאָר 1932	ס״ה	%
104.669,30	61.669,75	43.196,55	3.128,03	212.663,63	76,1
	33.055,37	110.163,66	20.216,30	163.435,33	49,1
		41.000,72	66.234,16	107,234,88	31,3
			73.130,34	73.130,34	20,4
104.669,30	49.725,12	194.360,93	162.708,83		

די באַוועגונג פון די רעקלאַמאַציעס.

טאַבעלע נומ׳ 4.

פאַר	באַטראַכט		רעדוצירט		באַפרייט		געלאָזן אין פריערדיקער הויך	
	פערז.	סומע	פערז.	סומע	פערז.	סומע	פערז.	סומע
1929	886	172.662	476	40.470	42	790	368	131.395
1930	1974	200.778	1131	59.677	270	4446	573	136.655
1931	723	63.591	357	17.023	131	1.575	235	4.993
1932	1.554	156.063	877	52.352	253	4.254	424	99.357

ווי ס׳איז צו זען פון דער טאַבעלע נומ׳ 1 האָלט די צאָל עטאַט-צאָלער אין איין וואַקסן — פון 5583 אין יאָר 1929 ביז 8012 אין יאָר 1931; מער ניט אין יאָר 1932 באַמערקט זיך אַ קליינע ירידה (פון 8012 אויף 7975), וואָס איז צו דערקלערן מיט דער פאַראָרימונג פון דער יידישער באַפעלקערונג. דאַקעגן איז במשך פון די יאָרן 1929—1932 צו באַמערקן אַ כּסדרדיקע שטייגערונג פון דער אַלגעמיינער שטייער-סומע, וואָס נעמט זיך פון דער העכערונג פון די באַטרעפנדע שטייער-נאָרמען, וואָס זיינען אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף די איינצלנע עטאַט-צאָלער. ס׳איז אויך צו מערקן אַ געוויסע רעדוקציע פון דעם דורכשניטלעכן שטייער-בעטראָג; די סיבות דערפון דאַרף מען זוכן אין דער אָפּשוואַכונג פון דער צאָלונגס-פעאיקייט ביי דער יידישער באַפעלקערונג.

אין דער טאַבעלע נומ׳ 2 ווערן די עטאַט-צאָלער געטיילט אויף 6 קאַטעגאָריעס, אָנהויבנדיק פון 1 זל. און ענדיקענדיק מיט 3000 זל. אין דער לעצטער קאַטעגאָריע איז געווען בלויז איין עטאַט-צאָלער. די גרעסטע צאָל עטאַט-צאָלער פאַלט אויף דער ערשטער קאַטעגאָריע פון 1 ביז 50 זל. — 6487 צאָלער אין יאָר 1932, ד. ה. 81 פראָצ. דער שטייער, וואָס די קאַטעגאָריע האָט געדאַרפט איינצאָלן אין 1932 האָט באַטראָפן 103.572 זל., ד. ה. בערך 29 פראָצ. פון דער אַלגעמיינער שטייער-סומע. הגם די הוצאות ביים איינקאַסירן און בוכן די קליינע סומען האָבן אָפטמאָל איינגעשלונגען די הכנסות פון דער קאַטעגאָריע צאָלער, האָט דאָך די פאַרוואַלטונג איינגעפונען, אַז ס׳איז אַן ערן-חוב פאַר יעדערן מיטצוהעלפן מיט וואָסער סומע ער קען צו טראָגן די לאַסט פון דער קהלה-ווירטשאַפט און יעדער פון דעם קלענסטן ביז דעם גרעסטן מוז זיך געפינען אין דער רשימה פון די עטאַט-צאָלער.

די טאַבעלע נומ׳ 3 וועגן דער באַוועגונג פון די איינגעפלאָסענע עטאַט-געלטער באַווייזט, אַז די גרעסטע סומע פון איינגעפלאָסענעם עטאַט פאַלט אויס אויפן יאָר 1931 — 194,360.93 און די קלענסטע אויפן יאָר 1930 — 94,725.12. מ׳דאַרף געמען אין אַכט, אַז צוליב דעם שווערן קריזיס ווערט דער עטאַט ניט רעגולמעסיק געצאָלט, אַזוי אַז פאַרן יאָר 1932 האָט מען נאָך געמאָנט דעם עטאַט פאַר די פאָריקע יאָרן. אַזוי למשל קומט אויס, אַז ביזן 1-טן יאַנואַר 1933 יאָר איז אויפן חשבון פון עטאַט פון 1929 איינגעפלאָסן געוואָרן בס״ה 76,1 פראָצ. פון דער אַלגעמיינער עטאַט-סומע, אויפן חשבון פון 1931 — 31,3 פראָצ. און אויפן חשבון פון 1932 — בס״ה 20,4 פראָצ.

כאַראַקטעריסטיש איז אויך די טאַבעלע נומ׳ 4 וועגן דער באַוועגונג פון די רעקלאַמאַציעס. די גרעסטע צאָל רעקלאַמאַציעס פאַלט אויף די יאָרן 1930—32 און נעמליך: אין יאָר 1930 — 1974 און אין יאָר 2932 — 1554; פון זיי האָט מען רעדוצירט דעם שטייער אין יאָר 1930 — 1131 פערזאָן אויף דער אַלגעמיינער סומע 59.677 זל. און אין 1932 — 877 פערזאָן אויף 52.352 זל.

איינגאַנצן באַפרייט פון עטאַט-אָפּצאָ האָט מען 696 פּערזאָן אויף אַ סומע פון 11.065 זל.

בכלל דאַרף מען באַמערקן, אַז די עטאַט-אָפּטיילונג ביי דער קהלה האָט זיך אין איר אַרבעט שטענדיק צוגעפּאַסט צו די פּאָדערונגען און באַדינגונגען פון לעבן און האָט זיך געמיט, ווי ווייט מעגליך, אַנטקעגנצוקומען די עטאַט-צאָלער ביים רעגולירן די פאַרלעגענע שטייער-חובות.

באריכט

וועגן דער קולטור-אַרבעט פון דער קהלה.

ווילנע פאַרמאָגט אַ רייכע נעץ פון יידישע בילדונגס- און קולטור-אינסטיטוציעס, וואָס האָבן אַ שם ווייט איבער די גרעניצן פון ווילנע און האָבן אַ גרויסע נאַציאָנאַלע באַדייטונג. ווילנע איז דער צענטער פון יידישן וויסנשאַפטליכן אינסטיטוט (יוו״א). ווילנע פאַרמאָגט איינע פון די גרעסטע יידישע ביכער-אוצרות אין דער וועלט (שטראַשון-ביבליאָטעק). ווילנע האָט אַנטוויקלט אַ נעץ יידישע שולן פון פאַרשיידענע ריכטונגען (תרבות, יבנה, מזרחי, צ.ב.ק. און שול-קולט), רעליגיעזע און וועלטלעכע, מיט דער יידישער און העברעאישער אונטערריכט-שפּראַך. אין אַלע שולן לערנען זיך העכער 4000 יידישע קינדער אין 120 קלאַסן. אויך אויפן געביט פון פּראָפעסיאָנעלער אויסבילדונג פון דער יידישער יוגנט פאַרנעמט ווילנע אַ בכבודיקן אָרט צווישן די יידישע שטעט אין פּוילן: געז. „אָרט״ מיט 2 אַנשטאַלטן: דעם איינציקן יידישן טעכניקום און די וואַרשטאַטן (איצט געשלאָסן); „הילף דורך אַרבעט״ מיט קרוב 15 אָפּטיילונגען: — פאַך-שול פון פרויען-פאַראיין: — בס״ה לערנען זיך אין די פאַך-שולן קרוב 1000 יוגנטלעכע — מענער און פרויען. צוויי לערער-סעמינאַרן, דער העברעאישער און יידישער, וואָס האָבן באַוויזן אַרויסצולאָזן הונדערטער קוואַליפיצירטע לערער פאַר די יידישע און העבראישע שולן (דער יידישער לערער-סעמינאַר איז איצט געשלאָסן). אַ חוץ דער באַרימטער שטראַשון-ביבליאָטעק און דער ביבליאָטעק „מפיצי השכלה״, וואָס ווערט אויסגעהאַלטן פון דער קהלה, פאַרמאָגט נאָך ווילנע די „קינדער-ביבליאָטעק״ ביים צ. ב. ק. און אַ ריי וויכטיקע פאַך-ביבליאָטעקן (ביים לערער-פאַראיין, האַנדלס-אָנגעשטעלטע, האַנטווערקער, דרוקער א. א.).

אויך אויפן געביט פון קונסט-אויסבילדונג האָט ווילנע אויסגעבויט וויכטיקע אַנשטאַלטן, ווי דעם איינציקן יידישן מוזיקאַלישן אינסטיטוט, די העבר. דראַמאַטישע סטודיע, דעם כאָר ביי ווילב״יג א. א.

די יידישע היסט. עטנאָגראַפישע געזעלשאַפט האָט געגרינדעט אין יאָר 1913 דעם היסטאָריש-עטנאָגר. מוזיי (געפינט זיך אין בנין פון קהלה), וועלכער האָט זיך קונה שם געווען מיט זיינע רייכע אוצרות.

ווילנע האָט לעצטנס אויך אַנטוויקלט אַ נעץ פון ספּאָרט־אָרגאַניזאַציעס (מכבי, „הפועל״, מאַרגנשטערן, יאַסק א. א.), וואָס זאָרגן פאַר דער פיזישער קולטור צווישן דער יידישער יוגנט.

ווילנע איז געווען און איז אויך איצט אַ צענטער פון דער יידישער און העברעאישער ליטעראַטור. ווילנע פאַרמאָגט באַדייטנדע ליטעראַרישע און אויך וויסנשאַפטלעכע כחות, וועלכע שאַפן ממשות׳דיקע ווערטן און באַרייכערן אונדזערע פאָלקס־אוצרות. אין ווילנע איז אויך דער זיץ־אָרט פון יידישן פּען־קלוב און פון אַ ריי אַנד. שרייבער־אָרגאַניזאַציעס, ווי דער יידישער ליטעראַטן און זשורנאַליסטן־פאַראיין, זשורנאַליסטן־סינדיקאַט און העברעאישער ליטעראַטן־פאַראיין.

עס איז געווען אַ דער אויבערפלעכלעכער איבערזיכט פון די בילדונגס־און קולטור־אינסטיטוציעס, אָנגעצייכנט בלויז אין אַלגעמיינע שטריכן, כדי צו פאַרשטיין, פאַרוואָס די ברייטע יידישע געזעלשאַפט, וואָס איז אַריינגעצויגן אין קולטור־לעבן פון פאַרשידענע ריכטונגען, האָט שוין אין 1928 יאָר געפירט די וואַל־קאָמפּאַניע צו דער קהלה ניט נאָר אונטערן צייכן פון פּאָליטישן קאַמף, נאָר אין אַ גרויסער מאָס אויך אַלס קולטור־קאַמף. די פאַרשיידענע גרופּירונגען, וואָס זיינען געגאַנגען אין דער קהלה, האָבן געהאַט בדעה דורך דער קהלה צו שטיצן די יידישע קולטור לויט זייער גייסט און ריכטונג.

די פראַגע וועגן הילף פאַר די שולן פלעגט ניט אַראָפּ פון סדר־היום פון די פאַרוואַלטונגס־זיצונגען, ניט געקוקט אויף די גרויסע שוועריקייטן, וואָס די קהלה האָט אָנגעטראָפן ביים צונויפשטעלן דעם בודזשעט אין די ערשטע יאָרן, באַזונדערס צוליב דער נויט אין אַלע ווילנער אַנשטאַלטן, ניט נאָר פון די בילדונגס־אַנשטאַלטן, האָט דאָך די קהלה אויסגעגעבן אויף קולטור־צוועקן בכלל 189.396 זל., בתוכם אויף די שולן 134.995 זל., וואָס בילדעט 71,27% (זע טאַבעלע ז. 65).

די קולטור־קאָמיסיע, וואָס איז אויסגעוויילט פון פאָרשטייער פון אַלע גרופּירונגען אין דער קהלה, באַשטייט פון 7 ראַטמענער און 2 פאָרשטייער פון פאַרוואַלטונג.

די קולטור־קאָמיסיע האָט אויסגעאַרבעט אַן אַנקעטע־בויגן, וואָס איז פונאַנדערגעשיקט געוואָרן צו אַלע שולן און בילדונגס־אַנשטאַלטן. אויפן סמך פון די צוגעשיקטע תשובות האָט די קאָמיסיע, באַקאַנענדיק זיך מיט די אַלע ווילנער אַנשטאַלטן, צוגעשטעלט דער פאַרוואַלטונג פּראָיעקטן פון סובסידיעס און פאַרטיידיקט זיי הן אין פאַרוואַלטונג, הן אין ראַט־פּלענום. די באַקומענע תשובות אויף די אַנקעטעס דאַרפן נאָך ווערן באַאַרבעט.

די קולטור־קאָמיסיע האָט אויסגעהערט גענויע באַריכטן פון די ביבליאָ־טעק־פאַרוואַלטערס וועגן מצב פון די ביבליאָטעקן: שטראַשון, „מפיצי השכלה״

און קינדער־ביבליאָטעק. צווישן אַנדערע זיינען אָנגענומען געוואָרן פאָלגנדע וויכטיקע באַשלוסן: פאַרעפנטלעכן אַ קול־קורא צו דער יידישער וועלט וועגן אַ געלט־זאַמלונג און ביכער־זאַמלונג פאַר דער שטראַשון־ביבליאָטעק, באַזאָרגן די ביבליאָטעק „מפיצי השכלה" מיט אַ קהלה־לאָקאַל אין איינעם פון די קהלה־הויפן, רעאָרגאַניזירן די פאַרוואַלטונגען פון די ביבליאָטעקן א. א.

די קולטור־קאָמיסיע האָט אויסגעאַרבעט אַ פּראָיעקט פון אַ ספּעציעלער שול פאַר דעפעקטיווע קינדער (איצט געעפנט דורך דער געז. פאַר הייל־מע־דיצין), איינגעאָרדנט אויף דער טעמע אַ רעפעראַט פון ד״ר רעגנסבורג ז״ל — פאַר דאָקטוירים און לערער. היות ווי צווישן דער ווילנער לערערשאַפט איז דאָ אַ באַדייטנדע צאָל, וואָס דאַרפן לויטן געזעץ אָפּגעבן עקזאַמען — אַ טייל אויף פּאָלאָניסטיק, אַ טייל אויף פּעדאַגאָגיק, האָט די קולטור־קאָמיסיע גענומען אויף זיך די איניציאַטיוו צו גרינדן ספּעציעלע קוואַליפיקאַציע־קורסן ביי דער קהלה. צוזאַמען מיט פאָרשטייער פון ביידע לערער־פאַראיינען איז אויס־געאַרבעט געוואָרן אַ פּראָיעקט; די פאַרוואַלטונג האָט אַסיגנירט די נויטיקע סומע. ליידער איז נאָך דער ענין ניט פאַרווירקלעכט געוואָרן — ניט צוליב דער שולד פון דער קולטור־קאָמיסיע.

לויטן פּראָיעקט און דער איניציאַטיוו פון דער קולטור־קאָמיסיע איז אָנ־גענומען געוואָרן צו אַסיגנירן אַ געוויסע סומע געלט אויף לערנביכער און אויף שיך פאַר די אָרימע קינדער פון די פאָלקסשולן.

צווישן אַנדערע באַשלוסן פון דער קולטור־קאָמיסיע דאַרף דערמאָנט ווערן אויך דער באַשלוס וועגן אַ ליטעראַרישער פּרעמיע פאַרן בעסטן ווערק וועגן דער יידישער ווילנע, וועגן אויפלעבן די טעטיקייט פון היסט. עטנאָגראַפ. מוזיי ביי דער קהלה (זע באַריכט פון מוזיי), וועגן אָנטייל אין די יובל־פייערונגען לכבוד ש. דובנאָוס 70־יאָריקן יובל און ש. ל. ציטראָנס 70־יאָריקן יובל.

לויט דער איניציאַטיוו פון דער קהלה־פאַרוואַלטונג זיינען געמאַכט גע־וואָרן אייניקע פּרובן צונויפצורופן געמיינזאַמע באַראַטונגען מיט פאָרשטייער פון די שול־צענטראַלעס וועגן אינערלעכן און פינאַנציעלן מצב פון די שולן און זייערע ווייטערדיקע אויסזיכטן. ליידער איז צוליב פאַרשיידענע סיבות פון דעם גאָרניט געוואָרן. די פראַגע וועגן אַ קאָנטאַקט מיט די צענטראַלעס, וועגן אַ געמיינזאַמער אויסלענדישער אַקציע פאַר די שולן איז נאָך איצט מערער אַקטועל, ווי פריער, מחמת די רעגירונג שטיצט זיי ניט אין זייער לאַגע איז שטאַרק באַדראָט.

צום סוף איז נאָך נויטיק צו זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן די טענות און תרעומות, וועלכע מ'האָט צו דער קהלה צוליב דעם, וואָס זי באַריקזיכטיקט ניט אין דער פולער מאָס די פאָדערונגען פון די פאָלקס־שולן. אמת, די לאַגע פון די לעצטע איז זייער אַ שווערע, מ'קען זאָגן אַפילו אַ קאַטאַסטראָפאַלע. מ'דאַרף

אָבער ניט פאַרגעסן, אַז ביי איר בעסטן ווילן האָט דאָך די קהלה געקענט בלויז סובסידירן די שולן, אָבער ניט אינגאַנצן אויסהאַלטן, וואָס דאָס איז דאָך די עובדה פון דער מלוכה און קאָמונאַלער זעלבסטפאַרוואַלטונג. ביי די באַגרעניצטע מעגלעכקייטן, וואָס די קהלה האָט געהאַט און ביי די פערמאַנענטע פינאַנסיעלע קריזיסן, וואָס זי האָט איבערגעלעבט, האָט זי געטאָן פאַר די שולן דעם מאַקסימום, וואָס זי האָט געקענט. דערביי דאַרף גענומען ווערן אין אַכט, אַז די קהלה, אַלס רעליגיעזע אינסטיטוציע, האָט זיך דאָך געמוזט רעכענען אויך מיט די נויטן און באַדערפנישן פון די רעליגיעזע מוסדות. בכלל מוז אונטערשטראָכן ווערן, אַז די קולטור-מוסדות, וועלכע זיינען במשך פון די לעצטע יאָרן אויסגעבויט געוואָרן אין ווילנע, האָבן נישט נאָר קיין לאָקאַלן ווערט און ממילא האָבן זיי געהאַט דאָס פולע רעכט צו רעכענען אויף הילף מצד דעם אויסלענדישן יידנטום. לכתחילה איז דאָס טאַקע אַזוי געווען, אָבער מיט דעם מאָמענט וואָס די אויסלענדישע הילף איז אָפּגעשטעלט געוואָרן איז די לאַגע פון די מוסדות באַדראָעט געוואָרן, ווייל ווילנע גופא איז ניט בכח געווען זיי אויסצוהאַלטן און דאָס האָט ניט זעלטן גורם געווען צו קאָנפליקטן צווישן די מעגלעכקייטן פון דער קהלה און די פאַקטישע נויטן און באַדערפנישן פון די דאָזיקע אינסטיטוציעס.

	1929—30 פרעלימינירט IV-29—III-30 סומע	%	1929—30 אויסגעגעבן IV-29—III-30 סומע	%	1930 פרעלימינירט IV—XII סומע	%	1930 אויסגעגעבן IV—XII סומע	%	1931 פרעלימינירט סומע	%	1931 אויסגע סומע	%
ס"ה קולטור .	(*95.800 —	—	30.300 —	—	75.600 —	—	10.480 —	—	(**94,366 —	—	45.925 61	—
דערפון פאלקס־שולן . . .	63.000 —	65,76	30.300 —	99,—	47.250 —	62,5	10.120 —	96,56	63,000 —	66,76	34.875 —	75,93

	1932 פרעלימינירט סומע	%	1932 אויסגעגעבן סומע	%	1933 פרעלימינירט סומע	%	1933 אויסגעגעבן סומע	%	סך הכל IV-29 — X-33 פרעלימינירט סומע	%	סך הכל IV-29 — X-33 אויסגעגעבן סומע	%
ס"ה קולטור .	81.700 —	—	67.318 22	--	67.290 —	—	35.372 63	—	414.756 —	—	189.396 46	—
דערפון פאלקס־שולן . . .	40.000 —	48.95	40.000 —	59,41	40.000 —	59,44	20.000 —	56,54	50 —	61,05	134.995 —	71,27

*) די שטראשון־ביבליאטעק ניט אריינגערעכנט, ווייל זי האט געהערט דאן צו צדקה־גדולה

**) שטראשון־ביבליאטעק ווערט גערעכנט פאר די מאנאטן סעפט. אקט. נאוו. און דעצ. פון מאמענט, ווען די צדקה גדולה איז איבערגענומען געווארן דורך דער קהלה.

באַמערקונג: די פּרעלימינירטע סומען זיינען די, וועלכע זיינען אָנ-
גענומען געוואָרן דורכן ראַט. די מאַכט האָט פאַר-
קלענערט די דאָזיקע ציפערן לויט פאָלגנדן אופן:

פאַרן יאָר	1929—1930	. . . .	אויף	10.485	גילדן
„ „	1930	. . . .	„	10.200	„
„ „	1931	. . . .	„	6.300	„
„ „	1932	. . . .	„	4.900	„
„ „	1933:	אַלגעמיינע קולטור . . .	„	2.960	„
		שולן	„	10.000	„

שטראַשון־ביבליאָטעק.

די איצטיקע פונאַנדערגעוואַקסענע עפנטלעכע פאָלקס ביבליאָטעק אין ווילנע — די שטראַשון־ביבליאָטעק — עקזיסטירט שוין איבער 40 יאָר, אויב מען זאָל רעכענען איר אַנטשטייאונג פון דעם טאָג, ווען זי האָט באַקומען די אָפיציעלע ערלויבניש פון דער רוסישער מאַכט, אין סוף 1892 יאָר (תרנ״ג). אָבער דער פונדאַמענט צו איר גרינדונג איז געלייגט געוואָרן מיט עטלעכע יאָר פריער, אין תרמ״ו, באַלד נאָך דעם טויט פון דעם גרויסן יידישן תלמיד חכם, הרה״ג ר׳ מתתיהו שטראַשון ז״ל, וועלכער האָט אין דער צוואה זיין גאַנצן ספרים־ און ביכער־אוצר אָפּגעזאָגט דער יידישער קהלה (צ״ג), בתנאי אַז די לעצטע זאָל עפענען אַ ביבליאָטעק מיט אַ געהעריקן לעזע־זאַל, וואו תלמידי־חכמים, לערנער און בכלל מענטשן, וואָס זוכן בילדונג זאָלן זיך קענען פאַרפולקאָמען אין זייערע ידיעות. די אפּוטרופּסים איבער ר׳ מתתיהו שטראַשונס ירושה, ר׳ יהושע חיים עפּשטיין, א. גראָדזענסקי און י. ברוידאָ האָבן געהאַלטן פאַר זייער חוב צו אָננעמען די געהעריקע מיטלען, כדי דער לעצטער ווילן פון דעם גרויסן יידן זאָל רעאַליזירט ווערן, אָבער צוליב פּאָליצייאישע סיבות האָט די ביבליאָטעק ניט געקאָנט ווי געהעריק זיך אַנטוויקלען. ערשט ווען ס׳איז באַקומען געוואָרן די געהעריקע סאַנקציע פון דער מאַכט הויבט זיך אָן די תקופה פון איר לאַנגזאַמער אַנטוויקלונג. די ערשטע ערנסטע שריט אויף דעם וועג פון דער דאָזיקער אַנטוויקלונג הויבן זיך אָן פון חודש חשון, תר״ס (12X/. 9), ווען ס׳איז פאָרגעקומען אין זיצונגס־זאַל פון דער צ״ג די ערשטע פאַרזאַמלונג, אין דער אָנוועזנהייט פון די גבאים: שמואל סאָלץ, יעקב פרנס, אריה ניישול און די ה״ה יהושע חיים עפּשטיין, שלמה זלמן עליאַסאָן, בן־יעקב, י. ל. גאָלדבערג, ש. פּ. פייגענזאָהן, ח. ל. מאַרקאָן און אַדוואָקאַט קאָוונער. אויף יענער זיצונג איז ערנסט באַהאַנדלט געוואָרן די פראַגע וועגן זיכערן דעם מאַטעריעלן קיום פון דער ביבליאָטעק. די יורשים פון הרה״ג שטראַשון האָבן געמאָלדן, אַז אויף אויסצוהאַלטן די ביבליאָטעק גיבן זיי איבער אין רשות פון דער קהלה דעם הויף מיטן הויז אויף גלעזער גאַס, אַראָפּרעכענענדיק פון די הכנסות (אויסער די הוצאות אויף צו האַלטן דעם הויף אין געהעריקער אָרדנונג) 316 רובל יערליך אויף אַנדערע צדקה־אָנגעלעגנהייטן. אויף יענער אסיפה איז אויך געוויילט געוואָרן דער ערשטער ועד פון 7 פערזאָן אין באַשטאַנד פון די ה״ה: ז. עליאַסאָן, מרדכי עפּשטיין,

פּ. געץ, י. בן-יעקב, י. ל. גאָלדבערג, ה. ל. מאַרקאָן און דריי גבאים פון „צדקה-גדולה", וועלכע האָבן געהאַט בעת דער אָפּשטימונג דאָס רעכט אויף איין שטימע.

ביי דעם היינטיקן טאָג איז די שטראַשון-ביבליאָטעק פּאָפּולער ניט בלויז צווישן די ווילנער יידן, נאָר אויך אין גאַנץ פּוילן און בכלל אין די לענדער, וואו עס האָבן זיך קאָנצענטרירט באַדייטנדע קבוצים פון יענע יידן, וואָס האָבן עמיגרירט פון געוועזענעם צאַרישן רוסלאַנד. די שטראַשון-ביבליאָטעק מיט איר רייכן ביכער-אוצר, וואָס ציילט איבער דרייסיק טויזנט בענדער, האָט צוגעצויגן צו זיך די אויפמערקזאַמקייט פון דער גאַנצער יידישער וועלט. עס באַזוכן איר מענטשן פון פאַרשיידענע ריכטונגען, רבנים און פאָרשטייער פון וויסנשאַפט. יעדע באַדייטנדע יידישע פּערזענלעכקייט, באַזוכנדיק ווילנע, פּילט אַ מין ערן-חוב אָפּשטאַטן אַ וויזיט דער דאָזיקער מערקווירדיקער יידישער אינסטיטוציע, וועלכע באַזאָרגט מיט דער פולער האַנט די הונדערטער טעגלעכע באַזוכער מיט גייסטיקער שפּייז. אַזוי, למשל איז די ביבליאָטעק באַזוכט געוואָרן דורך אַזעלכע פּערזענלעכקייטן, ווי ה. נ. ביאַליק, נ. סאָקאָלאָוו, ש. דובנאָוו, ד"ר נ. בירנבוים, מ. אוסישקין, שלום אַש, הערמאַן כהן, מענדעלי מוכר ספרים, שלום עליכם, ש. פרוג, באַראָן ד. גינזבורג, בעל מחשבות, ד"ר יחיאל טשלענאָוו, דוד וואָלפסאָן און פילע אַנדערע איינפלוסרייכע כלל-טוער און שריפטשטעלער. אין דער דאָזיקער ביבליאָטעק פלעגן מאַכן די נויטיקע נאָטיצן און צוגרייטן זיך צו זייער ווערטפולער ליטעראַרישער אַרבעט ש. דובנאָוו, ש. ניגער, ליפמאַן-לעווין, בן-ציון כץ, ש. ל. ציטראָן ז"ל, מ. ב. שניידער, י. א. טריוואוש און אַנדערע. געסט און עקסקורסיעס זיינען אין דער ביבליאָטעק אָפטע ערשיינונגען. אין די זומער-חדשים ווערט די ביבליאָטעק באַזוכט דורך שול-אויספלוגן — תּלמידים מיט זייערע לערער. עס דאַרף אויך באַצייכנט ווערן די סימפּאַטישע באַציאונג צו אונדזער ביבליאָטעק מצד קריסטלעכע וויסנשאַפטלער. ניט זעלטן טרעפט עס, ווען קריסטלעכע וויסנשאַפטסלייט באַזוכן די ביבליאָטעק, פרעגן זיך פונאַנדער גענוי וועגן אַלע פּרטים און הערן זיך צו מיט דעם גרעסטן אינטערעס צו די אָפּגעגעבענע ערקלערונגען.

די ערשטע יאָרן פון אונדזער יאָרהונדערט, וועלכע צייכענען זיך אויס מיט דעם אויפבּרויז פון דער געזעלשאַפטלעכער ענערגיע אין רוסלאַנד, זיינען אויך געווען די ערשטע יאָרן פון לעגאַלן קיום פון דער ביבליאָטעק. אין דעם עד, וועלכער האָט איבערגענומען אָנגעפירט מיט די ביבליאָטעק-ענינים, (אָפיציעל האָט זיך די ביבליאָטעק געפונען אין רשות פון דער צ"ג) האָבן זיך באַטייליקט די בעסטע קרעפטן פון דער יידישער אינטעליגענץ, און אין די יאָרן 1904—5 — אויך דער היסטאָריקער ש. דובנאָוו און ד"ר ש. לעווין, — שפּעטער ווילנער דעפּוטאַט אין דער ערשטער גאָס. דומע. דאָס זיינען געווען יאָרן פון שוואונג און געזעלשאַפטלעכער באַגייסטערונג ביי יידן. די ביבליאָטעק-הוצאות

פלעגן זיך דעקן מיט די הכנסות פון הויף און פון די פרייוויליקע נדבות, וועלכע די פאַרמעגליכערע עלעמענטן האָבן גערן געגעבן. די צדקה-גדולה האָט ביי דער שטאָט-שול צוגעבויט אַ הויז, וואוהין די ביבליאָטעק איז איבערגעפירט געוואָרן, געשאַפן די נויטיקע מעבל און אַנדערע איינאָרדנונגען, אַזוי אַז די ביבליאָטעק האָט זיך אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען און פונאַנדערוואַקסן פון טאָג צו טאָג.

אָבער דער וועג פון דער דאָזיקער וויכטיקער פאָלקס-אינסטיטוציע איז ניט געווען דורכאויס אַ נצחון-מאַרש. די איצטיקע דערגרייכטע ערפאָלגן זיינען געקומען נאָך יאָרן פון עקשנות'דיקן קאַמף פאַרן קיום.

די ערשטע שווערע יאָרן פאַר דער שטראַשון-ביבליאָטעק האָבן זיך אָנגעהויבן נאָך דער אונטערדריקונג פון דער רעוואָלוציע פון 1905 יאָר. עס איז געקומען די צייט פון דער געזעלשאַפטלעכער אַפּאַטיע און די מקורות פון די הכנסות האָבן זיך אויף פיל פאַרקלענערט. דער ביכער-אוצר האָט זיך, אמת, באַדייטנד פאַרגרעסערט דורך דעם איינשלוס פון די ביבליאָטעקן פון ש. י. פין, י. בעהאַק, ב. ראַטנער, ה. ל. מאַרקאָן, י. בן-יעקב און אַנדערע; עס האָבן זיך אָבער אויך פאַרגרעסערט די הוצאות און די שטיצע פון צ״ג איז, ביי דער פאַרקלענערונג ביז אַ מינימום פון די פרייוויליקע באַשטייערונגען, ניט געווען גענוג אויף צו דעקן אַלע ־אָסטן. אין 1909 יאָר איז אפילו געווען אַ סכנה, אַז מען וועט מוזן צייטוו־יק שליסן די ביבליאָטעק. די רעאַלע געפאַר איז דאַן באַזייטיקט געוואָרן רך דעם בעסערן טייל פון דער יידישער אינטעליגענץ, וועלכע האָט אַלץ ־ירט אין דער פרעסע. גאַנץ ערנסט איז אויך געווען די לאַגע אין די אָקופּאַציע-יאָרן. די יידישע באַפעלקערונג אין ווילנע האָט איבערגעלעבט שווערע טעג: דער גרויזאַמער הונגער האָט געלויערט אויף שריט און טריט. אין יענע שרעקלעכע טעג האָט מען דער באַפרידיקונג פון די גייסטיקע ענינים ניט געקאָנט שענקען די געהעריקע אויפמערקזאַמקייט, און דעם ועד פון ביבליאָטעק, וועלכער איז אָנגעפירט געוואָרן דורך דעם מוטיקן, וואַכזאַמען און ענערגיע-פולן רב העדה, הרה״ג י. רובינשטיין, וועלכער האָט זיך מיט דעם גאַנצן יידישן ברען אַריינגעטאָן אין דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט פון יענער צייט — היילן די מלחמה-וואונדן — האָט געקאָסט פיל מי און צייט צו געפינען די נויטיקע מקורות אויף אויסצוהאַלטן די ביבליאָטעק. צום גליק איז דורך דער השפעה פון הרב י. רובינשטיין אונטערגעקומען די שטיצע פון אויסלענדישן יידנטום — פון דייטשלאַנד, אַמעריקאַנער ד. ד. ק. און אַנדערע. אַזוי אַרום האָט זיך אין יענע שלעכטע צייטן, אַ דאַנק דער וואַכזאַמקייט פון איבערגעגעבענע פריינד, איינגעגעבן צו פּאַרהיטן אין ירושלים דליטא איר מרכז רוחני — די שטראַשון-ביבליאָטעק — פון אונטערגאַנג. מען דאַרף נאָך צוגעבן, אַז אַ סך מיטגעהאָלפן צו דער באַזייטיקונג פון די קריזיסן האָט אויך די איבערגעגעבנקייט און מסירת-נפש'דיקע אַרבעט פון דעם ביבליאָטעק-

פּערסאָנאַל — דעם פאַרוואַלטער יצחק שטראַשון און ח. לונסקי. דער דאָזיקער פּערסאָנאַל האָט געטיילט די פריידן און ליידן פון דער ביבליאָטעק און איז געוואָרן אירער אַ באַשטאַנד-טייל. אויף דעם אָרט דאַרף אויך דערמאָנט ווערן, אַז אַ דאַנק דער אַרבעט פון ה׳ י. שטראַשון אין דער אוניווערזיטעט-ביבליאָטעק, באַקומט פון דאָרטן די שטראַשון-ביבל., לויטן אָפּמאַך מיטן ועד המפקח־אַלע העברעאישע און יידישע אויסגאַבן, — צווישן זיי ניט זעלטן ווערטפולע ביכער.

נאָך דער וועלט-מלחמה הויבט זיך אָן פאַר דער שטראַשון-ביבליאָטעק די תקופה פון לאַנגזאַמן, אָבער זיכערן וואוקס. ווי ס׳איז שוין אויבן אָנגעוויזן געוואָרן, באַזיצט די ביבליאָטעק צום היינטיקן טאָג אַ ביכער-אוצר פון איבער דרייסיק טויזנט בענדער. דער דאָזיקער גרויסער ביכער-שאַץ האָט זיך אָנגעזאַמלט אין משך פון יאָרן, אויסער די ספרים פון הרה״ג ר׳ מתתיהו שטראַשון, אויך פון די צוגעקומענע ביבליאָטעקן, וואָס זיינען אָנגעוויזן געוואָרן אויבן, פון דער גרויסער צאָל ביכער, וועלכע זיינען באַקומען געוואָרן פון דער אוניווערזיטעט-ביבליאָטעק און סטאַראָסטווע; אויך די מחברים, אין זייער גרויסער מערהייט, שיקן אַריין דער ביבליאָטעק אַלס מתנה זייערע ווערק, ניט זעלטן — צו צוויי עקז. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז עס ווערן אויך צוגעקויפט ביכער, אָבער ניט אין אַזאַ מאָס, וואָס זאָל קענען באַפרידיקן אינגאַנצן דעם ביכער-הונגער. די סיבה איז אַ ריין-פּראָזאַאישע: עס פעלן פשוט אויס די געהעריקע מיטלען. די שטראַשון-ביבליאָטעק איז ווייט ניט קיין „חי נושא את עצמו״; זי קאָן פון אירע הויף-הכנסות דעקן בלויז אַ טייל פון אירע הוצאות און לויט דער צוואה פון הרה״ג ר׳ מתתיהו איז פאַרבאָטן צו נעמען וועלכן ניט איז אָפּצאָל פאַרן לעזן.

דאָס אינטערעסאַנטסטע אין דער שטראַשון-ביבליאָטעק איז דער פאַקט וואָס כמעט די גאַנצע הונדערט פּראָצ. פון די ביכער געהערן צו דעם יידישן שאַפן. מיט אַנדערע ווערטער: דאָס איז די גייסטיקע מלוכה פון דער יידישער מחשבה. איר האָט דאָ ביכער-זקנים, וואָס שטאַמען פון 15 און 16 יאָר-הונדערט*). אַזאַ מין ביכער-רעזערוואַר האָט אַ באַדייטונג ניט נאָר פאַר היסטאָריקער און פאָרשער, נאָר האָט אויך, ביי די ספּעציפישע באַדינגונגען, ביי וועלכע עס לעבט אונדזער פאָלק, אַ ריין פּראַקטישע, אַזוי צו זאָגן, אוטי-ליטאַרע באַדייטונג. אַזוי, למשל, האָט זיך, ערב דעם ביילים-פּראָצעס, די פאַר-טיידיקונג באַנוצט מיט צוויי ביכער פון אונדזער ביבליאָטעק. אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צו דער יידישער מחשבה איז דאָ רעפּרעזענטירט — און ניט נאָר אין העברעאיש אָדער יידיש; עס זיינען דאָ קרוב צו 4500 ביכער אין פרעמדע

*) כדאַי צו באַמערקן, אַז אין ביבליאָטעק געפינען זיך זעלטענע כתב-ידן פון אַ ריי גאונים און רבנים.

שפּראַכן — דייטש, רוסיש, לאַטייניש, פראַנצויזיש, איטאַליעניש, ענגליש, פּויליש. דער תּנ״ך געפינט זיך אויך אין אַ שפּאַנישער איבערזעצונג. די ביכער אין די פרעמדע שפּראַכן האָבן אַ שייכות צו דער יידישער פּראַגע אָדער יידישער וויסנשאַפט („חכמת ישראל״). באַזונדערס רייך איז די יודאַאיסטישע פּעריאָדיק פון די פערציקער, פופציקער, זעכציקער יאָרן, — די יאָרן פון שטורם- און דראַנג-קאַמף פאַר דער עמאַנסיפּאַציע פון די יידן אין מערב-אייראָפּע. דער גרינדער פון דער ביבליאָטעק ר׳ מ. שטראַשון ז״ל, האָט מיט דער פולער האַנט אַבאָנירט כמעט אַלע וואָכנשריפטן און מאָנאַטסשריפטן, וואָס זיינען געווען געווידמעט די יידישע אינטערעסן. ס׳איז אַ שאָד, וואָס די אָפּטיילונג „יודאַאיקאַ״, פאַרגרעסערט זיך ניט, צוליב מאַנגל אין מיטלען, אין דער געהעריקער מאָס.

ס׳איז מער ווי פאַרשטענדלעך, אַז ביי אַזאַ צאָל פון ביכער מוז מען זיך באַזאָרגן מיט דעם נויטיקן שליסל, מיט וועלכן מען קאָן באַלד אָפּזוכן דאָס געפאָדערטע בוך. קיין וואונדער ניט, וואָס די פראַגע וועגן אַ קאַטאַלאָג איז געוואָרן רייף שוין אין די ערשטע יאָרן נאָך דער גרינדונג פון דער ביבליאָטעק. דער ערשטער ועד, צוטרעטנדיק צו זיין אַרבעט, האָט זיך באַנוצט מיט דעם געשריבענעם קאַטאַלאָג „לקוטי שושנים״, האָט אים געבראַכט אין אָרדנונג, פאַרגרעסערט די צאָל פון רעגיסטרירטע ביכער און אָפּגעדרוקט. דער דאָזיקער קאַטאַלאָג האָט אָבער געהאַט אַ שייכות בלויז צו די ביכער פון ר׳ מתתיהו שטראַשון. די צוגעקומענע ביכער פון די געשענקטע ביבליאָטעקן האָבן זיך צופעליג, פון צייט צו צייט רעגיסטרירט, און דאָס האָט געדינט אַלס אַ מין סוראָגאַט פון אַ קאַטאַלאָג. באַזונדער פאַרוואָרלאָזט איז געווען די אָפּטיילונג „יודאַאיקאַ״. ווען די לאַגע פון דער ביבליאָטעק האָט זיך נאָך דער מלחמה אָנגעהויבן צו באַפעסטיקן און איר בודזשעט איז געוואָרן מער-ווייניקער זיכער איז אויף די זיצונגען פון ועד, וועלכער איז באַשטאַנען פון יו״ר הרב י. רובינשטיין, ד״ר א. ווירשובסקי, ב. עפּשטיין (ז״ל), נ. גאָרדאָן (ז״ל) און אַנדערע, די פראַגע וועגן אַ קאַטאַלאָג אייניקע מאָל באַטראַכט געוואָרן. באַזונדער ענערגיש האָבן פאַרטיידיקט די נויטווענדיקייט צו אַסיגנירן די נויטיקע סומע אויף דעם קאַטאַלאָג די פאָרשטייער פון דער „חברה מדעית עברית״. אין 1931 יאָר איז די פראַגע געלעזן געוואָרן פּאָזיטיוו. עס איז באַשלאָסן געוואָרן אייַנצופירן דעם קאַרטן-קאַטאַלאָג („קאַרטאָ-טעקע״), וועלכער איז זייער פּראַקטיש און באַקוועם: ער ווערט קיינמאָל ניט פאַרעלטערט און די צוגעקומענע ביכער באַקומען נייע קאַרטלעך. די דאָזיקע אַרבעט איז אָנגעטרויט געוואָרן דעם ה׳ ל. רובינאָוו. פון מאַי 1931 ביז דעם 24 יאַנואַר 1933 זיינען קאַטאַלאָגירט און אַריינגעטראָגן געוואָרן אין אינווענטאַר 15315 ביכער. די אָפּטיילונגען „יודאַאיקאַ״ און יידיש זיינען אינגאַנצן געבראַכט געוואָרן אין אָרדנונג. פאַררעגיסטרירט זיינען אויך געוואָרן די מער געלעזענע העברעאישע ביכער און אַ גרויסער טייל פון דער לומדישער ליטעראַטור. די פאַררע-

גיסטרירטע ביכער האָבן זייערע באַשטימטע פּלעצער און לויט דער פאָדערונג, ווען עס ווערט אָנגערופן דער מחבר פון בוך, ווערן זיי גלייך אַרויסגעגעבן די לעזער. די רעגיסטראַציע ווערט פאַרטגעזעצט און וועט דערפירט ווערן ביז ענדע.

אויף וויפיל די שטראַשון־ביבליאָטעק איז געוואָרן אַ רעאַלע באַדערפעניש פון דער יידישער באַפעלקערונג אין ווילנע, איז צו זען, ווען מען קומט אַריין אין לייען־זאַל אין די שעה׳ן, וואָס די ביבליאָטעק איז אָפן. די שטולן ביי די טישן זיינען אַלע באַזעצט און יידן זיצן, אַזוי צו זאָגן „על התורה על העבודה". לומדים זיצן ביי די געעפנטע פאָליאַנטן, פאַרטיפטע אין די קאָמפּליצירטע גמרא־סוגיות, און יונגע מענטשן — פון דער לערן־יוגנט — לעזן די ביכער, וועלכע זיינען זיי נויטיק צו זייערע לעקציעס, און מאַכן דערביי נאָטיצן, וואָס דאַרפן אויסגענוצט ווערן. באַזונדערס גרויס איז די צאָל באַזוכער אין די אָוונט־שעה׳ן, פון 5 ביז אַכט. מען זיצט ניט נאָר אויף די שטולן, נאָר אויך אויף די פענסטער, מען שטייט ביי די טישן, ביי די ווענט, און עס קומט אויס אָפט צו שליסן דעם אַריינגאַנג, כאָטש עס ווערן אַריינגעלאָזן פיל מער, ווי דער זאַל קאָן אויפנעמען.

מיר ברענגען דאָ די ציפערן פון דער צאָל באַזוכער פאַר די יאָרן 1930—32, וועלכעריידן אַליין פאַר זיך און נויטיקן זיך ניט אין קיין פירושים.

אין משך פון 1930 יאָר האָבן די ביבליאָטעק באַזוכט 34112 פערזאָן און ביכער זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן 42189. אין 1931 — באַזוכער: 38308; אַרויסגעגעבענע צום לעזן ביכער: 46574. אין 1932 — באַזוכער: 38074; אַרויסגעגעבענע צום לעזן ביכער: 47,780. די דורכשניטלעכע צאָל באַזוכער מאַכט אויס בערך טעגלעך (ווען די ביבליאָטעק איז אָפן) 23 פערזאָן. פון זיי זיינען מענער אַנ׳ערך 75%.

עס וואָלט געווען אינטערעסאַנט צו געבן גענויע ציפערן פון דער צאָל אַרויסגעגעבענע ביכער לויט די שפראַכן. דער טערמין אויף צונויפשטעלן דעם באַריכט איז געווען אַ צו־קורצער און ס׳איז אוממעגלעך צוגעבן איצט דעם אויסשעפנדן מאַטעריאַל. דאָך איז געמאַכט געוואָרן אַ פּרוב צו אונטערפירן די אונטערשטע שורה פון 18 ביז 21 דעצעמבער (אײַנשליסליך) פון פאַרגאַנגענעם 1932 יאָר — אַ צייט, ווען די צאָל באַזוכער איז באַזונדערס גרויס — און ס׳איז צו זען, אַז די צאָל אַרויסגעגעבענע צום לעזן ביכער לויט די שפראַכן (העברעאיש און יידיש) זיינען כמעט גלייכע. פאַר דער אָנגעוויזענער צייט זיינען צום לעזן אַרויסגעגעבן געוואָרן ביכער: אין העברעאיש — 716, יידיש — 789, רוסיש — 21, דייטש — 22. מיר זעען אַלזאָ, אַז 97% פאַלן אויף די יידישע שפראַכן.

פון נאָך דער מלחמה ביז יאַנואַר מאָנאַט פון לויפנדן 1933 יאָר זיינען צוגעקומען אין דער ביבליאָטעק 5389 ביכער. פון דער דאָזיקער צאָל ביכער האָבן מיר פון דער אוניווערזיטעט=ביבליאָטעק באַקומען 3110, פון דער סטאַראָסטווע — 974 און פון נדבות 1305. מיר זעען אַלזאָ, אַז די אוניווערזיטעט=ביבל. איז דער גרעסטער רעזערוואואַר, פון וועלכן די שטראַשון-ביבל. באַקומט איר ביכער-פאַרשטאַרקונג.

פון יולי מאָנאַט 1931 האָט פונקציאָנירט ביי דער ביבליאָטעק אויך אַ טעלעפאָן, וועלכער איז שפּעטער צוליב שפּאָרזאַמקייטס-צוועקן דורך דער קהלה אָפּגעשאַפט געוואָרן.

די שטראַשון=ביבליאָטעק געפינט זיך אין רשות פון דער קהלה אין איר איצטיקן באַשטאַנד פון סוף אויגוסט 1932 יאָר, ווען אין איר רשות זיינען אַריבער אַלע אַנשטאַלטן פון „צדקה=גדולה”. די קהלה גיט זיך אָפּ דעם געהעריקן דין=וחשבון פון דער גרויסער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וואָס זי האָט אויף זיך גענומען, און באַמיט זיך צו האַלטן די דאָזיקע אינסטיטוציע אויף דער געהעריקער הויך, כדי זי זאָל זיך קאָנען נאָרמאַל אַנטוויקלען און וואַקסן, צום רום און כבוד פון דער ווילנער יידישער באַפעלקערונג. דער איצטיקער ועד פון ביבליאָטעק, וועלכער איז קאָמפּלעקטירט געוואָרן אויפן סמך פון דער אָנגענומענער החלטה אויף דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג פון חודש חשון תר״ס (12X/99), ווי ס'איז צו זען פון פּראָטאָקאָל נומ. 1, באַשטייט פון די פאָלגנדע פּערזאָנען: הרב י. רובינשטיין (יו״ר), ד״ר א. ווירשובסקי, ד״ר גרשון, י. א. אסתרין, ד״ר יוסף רובינשטיין (סעקרעטער) און פּרעזידיום פון דער קהלה אין באַשטאַנד פון א. קרוק, א. זיידשנור און י. שעסקין.

באריכט

פון דער ביבליאָטעק „מפיצי־השכלה".

די ביבליאָטעק „מפיצי השכלה" איז געגרינדעט געוואָרן אין יולי 1910 דורך דער ווילנער אָפּטיילונג פון דער אַלרוסישער „חברה מפיצי השכלה". זי איז געעפנט געוואָרן מיט אַ צאָל פון 4000 ביכער אין העברעאיש און יידיש, וועלכע זיינען אָפּגעקויפט געוואָרן פון דער „בנות ציון"־ביבליאָטעק. אין די ערשטע יאָרן פון איר עקזיסטענץ האָט זיך די ביבליאָטעק גיך אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען. צו יענער צייט איז דאָס געווען כמעט דאָס איינציק אָרט, וואו מען האָט געקאָנט באַקומען אַ העברעאיש און יידיש בוך. די אַנטוויקלונג איז אָבער געגאַנגען ניט אויף קיין נאָרמאַלן אופן: דער וואוקס פון ביבליאָטעק האָט געטראָגן אַ מער צופעליקן ווי אַ סיסטעמאַטישן כאַראַקטער. דער גרעסטער טייל צוגעקומענע ביכער איז באַשטאַנען פון מתנות און ניט פון צוגעקויפטע ביכער און דאָס האָט געבראַכט צו אַן איבערלעסטיקונג מיט ניט קיין נויטיקע ביכער. מען האָט, צום ביישפיל, געעפנט אַ דייטשע אָפּטיילונג, נאָר דער צוזאַמענשטעל פון די „געשאָנקענע" ביכער איז געווען אַזאַ, אַז אין אַ פּאָר יאָר אַרום האָט מען די אָפּטיילונג אינגאַנצן ליקווידירט. די פעלערן פון יענער צופעליקייט קומט נאָך אויס צו פאַריכטן ביז היינטיקן טאָג. אַזוי האָט זיך אַנטוויקלט די ביבליאָטעק ביזן סוף פון דער דייטשער אָקופּאַציע, ווען די פאַרוואַלטעריי איבער דער ביבליאָטעק האָט איבערגענומען ה' פ. קראַסני.

צו יענער צייט, ד. ה. צום סוף פון דער דייטשער אָקופּאַציע אין 1918, האָבן די ציונים, וועלכע זיינען געווען אין דער מערהייט אין קאָמיטעט פון דער „חברה מפיצי השכלה", איבערגעגעבן די ביבליאָטעק דער ווילנער יידישער קהלה. ווען ווילנע איז אָקופּירט געוואָרן דורך די באָלשעוויקעס האָט מען די ביבליאָטעק געוואָלט צונויפגיסן מיט אַנדערע ביבליאָטעקן און מאַכן איין צענטראַלע ביבליאָטעק. מיט גרויס מי האָט זיך איינגעגעבן די ביבליאָטעק אָפּצוראַטעווען. אַ צווייטן שווערן מאָמענט האָט די ביבליאָטעק איבערגעלעבט אין 1921 יאָר, ווען מען האָט געזוכט קאָמוניסטישע ליטעראַטור און די רע־וויזיע האָט געדויערט גאַנצע 7 וואָכן. מען האָט, פאַרשטייט זיך, גאָרניט געפונען. נאָר די 7 וואָכן, אין וועלכע די ביבליאָטעק איז געווען, צוליב דער

רעוויזיע, געשלאָסן, האָט איר געבראַכט אויפן ראַנד פון אונטערגאַנג. די צאָל לייענער איז געפאַלן דאַן ביז אַ מינימום (500). אַזאַ צאָל האָט די ביבליאָטעק קיינמאָל (אויסער דעם ערשטן יאָר פון גרינדונג) ניט געהאַט. דאָס האָט אָבער ניט געווירקט דער מוט זאָל פאַלן, נאָר, פאַרקערט, געטריבן צו מער אָנגעשטרענגטער אַרבעט. מען האָט אויף קרעדיט אַיינגעקויפט אַ גרויסע צאָל ביכער און די צאָל לייענער האָט ווידער אָנגעהויבן צו וואַקסן. אַ גוטע ווירקונג האָט אויך געהאַט דאָס עפּענען פון דער פּוילישער אָפּטיילונג און דאָס אַיינשאַפן די נייסטע רוסישע אויסגאַבעס.

אַ שווערע לאַסט אויף דער ביבליאָטעק איז געווען די צו גרויסע צאָל אָנגעשטעלטע. נאָר די ניט געלונגענע סיסטעם פון פאַנאַנדערשטעלן די ביכער פון איין זייט און די קאַטאַלאָגן־פראַגע פון דער צווייטער האָבן געצוואונגען צו האַלטן אַ גרויסן שטאַט. ווען די פאַרוואַלטערײ האָט איבערגענומען ה׳ פּ. קראַסני איז ער גלייך צוגעטראָטן פאַרקירצן דעם שטאַט. אין ביבליאָטעק האָבן צו יענער צייט געאַרבעט 7 אָנגעשטעלטע. ביסלעכווייז, טריט ביי טריט, האָט ער פאַרקירצט דעם שטאַט ביזן מינימום פון 3 פּערזאָן. דאַן איז די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט געווידמעט געוואָרן דאָס אַיינשאַפן פון נייע ביכער און די אַרבעט איז געקרוינט געוואָרן מיט ערפאָלג: די ביבליאָטעק האָט אָנגעהויבן צו וואַקסן מיט אַ שנעלן טעמפּאָ און די צאָל לייענער איז דערגאַנגען צו אַזאַ הויך, אַז די ביבליאָטעק האָט זיך כּמעט אויסגעהאַלטן אָן דעפיציטן. דער פאַרוואַלטער האָט זיך געשטעלט אויף דעם שטאַנדפּונקט, אַז אין אַ יידישער ביבליאָטעק מוז זיין אַלץ, וואָס ס׳ערשיינט אין דער העבּרעאישער און יידישער ליטעראַטור. וואָס אָנבאַלאַנגט אַנדערע שפּראַכן — נאָר די בעסערע ווערק. און דעם פּרינציפּ האָט זיך מיט גרויס מי און אָנשטרענגונג אַיינגעגעבן דורכצופירן אין לעבן און די פּרוכט פון דער אַרבעט האָבן זיך באַלד געלאָזט שפּירן: די ביבליאָטעק איז געוואָרן באַוואוסט און פּאָפּולער צווישן די ברייטסטע שיכטן פון דער יידישער ווילנע. ניט געקוקט אויף דעם, וואָס דער שטאַט איז געקירצט געוואָרן מער ווי אויף 50%, איז די צאָל אַרויסגעגעבענע ביכער געוואַקסן אויף 100% און דאָס איז מעגלעך געוואָרן אַ דאַנק דעם גרינדלעכן איבערבוי פון דער טעכנישער זייט פון דער ביבליאָטעק־אַרבעט.

דאָס פעלערהאַפטע אַוועקשטעלן די טעכנישע זייט פון דער ביבליאָטעק־אַרבעט איז געווען איינע פון די גרונט־פעלערן, וועלכע האָבן די גאַנצע צייט געשטערט דער אַנטוויקלונג פון דער ביבליאָטעק. דאָס איז אַנטשטאַנען צוליב דעם, וואָס ביי דער גרינדונג פון ביבליאָטעק האָבן די טעכנישע זייט פון דער ביבליאָטעק-אַרבעט אַוועקגעשטעלט ניט קיין פאַכלייט. דער איבערבוי האָט צוגענומען יאָרן אַרבעט און ווערט נאָך ערשט איצט פאַרענדיקט.

די שפּראַכן-פראַגע, ד. ה. אין וועלכע שפּראַכן אַיינצושאַפן ביכער פאַר דער ביבליאָטעק האָט שטענדיק אַרויסגערופן אַ קאַמף אין דער ביבליאָטעק-

קאָמיסיע. ביז 1923 יאָר איז די פאַרוואַלטונג געווען קעגן איינשאַפן פוילישע ביכער פאַר דער ביבליאָטעק. ערשט אין דער 2-טער העלפט פון 1923 יאָר האָט מען איינגעשאַפט די ערשטע 150 ביכער אין דער פוילישער שפּראַך. ביי היינטיקן טאָג פאַרמאָגט שוין די ביבליאָטעק איבער 7000 פוילישע ביכער. אין יאָר 1925 האָט די ביבליאָטעק-קאָמיסיע באַשלאָסן מער קיין רוסישע ביכער ניט איינצושאַפן. דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז די ביבליאָטעק האָט אין אַ קורצער צייט פאַרלאָרן מער ווי 30% פון אירע לייענער. דעם פעלערהאַפטן באַשלוס האָט מען געמוזט פאַרריכטן. היינט צו טאָג שטייט שוין מער ניט די פראַגע וועגן פאַרמאַכן אָפּטיילונגען, נאָר פאַרקערט, עפענען נייע. אין יאָר 1929 האָט מען געעפנט אַן ענגלישע און אין יאָר 1930 – אַ פראַנצויזישע. די אָפּטיילונגען זיינען, צום באַדויערן, נאָך קליין, נאָר ביסלעכווייז פאַר־גרעסערן זיי זיך. אויפן סדר־היום שטייט איצט די פראַגע פון עפענען אַ דייטשע אָפּטיילונג, אויף וועלכער עס איז דאָ אַ גרויסע פאָדערונג, נאָר ליידער ערלויבט עס אונדז איצט ניט די שווערע פינאַנציעלע לאַגע פון דער ביבליאָטעק.

איינע פון די שוואַכסטע זייטן אין ביבליאָטעק איז געווען דער קאַטאַלאָג פאַרן לייענער. מען פלעגט די קאַטאַלאָגן שרייבן פון האַנט. שטענדיק זיינען זיי געווען צעריסן און אַ גאַנצע ריי אָפּטיילונגען האָבן אינגאַנצן קיין קאַטאַלאָגן ניט געהאַט. 2 ביבליאָטעקאַרן זיינען שטענדיק געווען פאַרנומען מיט שרייבן און צושרייבן די קאַטאַלאָגן און דאָך איז די קאַטאַלאָגן-פראַגע געווען דאָס אָנגעווייטיקסטע. כדי צו מאַכן אַ סוף צו דער אומנאָרמאַלער לאַגע האָט דער פאַרוואַלטער איינגעשאַפן פאַר דער ביבליאָטעק שרייב-מאַשינעס, אין דער ערשטער ריי אַ יידישע און דערנאָך אויך אַ פוילישע. מען האָט אויף דעם געקוקט, ווי אויף אַ לוקסוס. פאַר דער יידישער מאַשין האָט מען באַצאָלט 140 דאָלאַר, אָבער ס'איז גאָרניט אָפּצושאַצן די נוצן, וועלכע זי האָט איינ־געבראַכט. עס איז אינגאַנצן געלייזט געוואָרן די פראַגע פון קאַטאַלאָג פאַר לייענער. די קאַטאַלאָגן דרוקט מען מיט עטלעכע קאָפּיעס און דער לייענער און צוזאַמען מיט אים אויך דער ביבליאָטעקאַר האָבן געקאָנט פריי אָפּאָטעמען.

אַ באַזונדערן קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון ביבליאָטעק פאַרנעמט דער לייען־זאַל. ביים גרינדן די ביבליאָטעק האָט די רוסישע מאַכט ניט געגעבן קיין דערלויבעניש אויף צו עפענען אַ לייען-זאַל. מען האָט די בקשה עטלעכע מאָל ווידערהאָלט, אָבער מיטן זעלבן ערפאָלג. ערשט אין 1916 יאָר, בעת דער דייטשער אָקופּאַציע האָט מען דעם לייען־זאַל געעפנט. די ערשטע יאָרן איז ער געווען איינגעאָרדנט אין 2 גרויסע צימערן. נאָך דער דייטשער אָקופּאַציע האָט מען אָבער, צוליבן פאַנאַנדערוואַקסן זיך פון דער ביבליאָטעק, געמוזט דעם לייען-זאַל אַריבערטראָגן אין 2 קליינע צימערן. דאָס האָט זיך זייער

שלעכט אָפּגערופן אויף דער פרעקווענץ פון די לייענערס. ווען מ'נעמט נאָך אין באַטראַכט, אַז בעת דער דייטשער אָקופּאַציע האָט מען צייטונגען באַקומען אין גרעסטן טייל אומזיסט און איצט מוז מען פאַר אַלע אָן אויסנאַם צאָלן, קאָן מען זיך שוין פאָרשטעלן וואָס פאַר אַ גרויסע לאַסט דער לייען-זאַל איז געוואָרן פאַרן בודזשעט פון ביבליאָטעק. די קאַסע פון ביבליאָטעק מוז דעקן דעם סיסטעמאַטישן 250 זל. דעפיציט יעדן חודש. עס איז אפשר ניט קיין גרויסע סומע, אָבער פאַר דער קאַסע פון ביבליאָטעק איז עס זייער פילבאַר. די ביבליאָטעק-קאָמיסיע האָט צענדליקער מאָל באַטראַכט די פראַגע אויף אירע זיצונגען און ביי קיינעם פון די פאַרוואַלטונגס-מיטגלידער האָט זיך ניט גע-פונען קיין מוט צום שליסן דעם איינציקן יידישן לייען-זאַל אין ווילנע (דער לייען-זאַל פון שטראַשונס ביבליאָטעק פאַרמאָגט אינגאַנצן ניט קיין טעגלעכע פרעסע).

ביי היינטיקן טאָג איז דער אָפּצאָל פאַרן אַריינגאַנג אין לייען-זאַל 10 גראָשן אָדער 1,75 מאָנאַטלעך; אין דער ביבליאָטעק – פון 60 גר. ביז 1,20, אין דורכשניט 90 גראָשן מאָנאַטלעך. ביי אַזאַ מינימאַלן אָפּצאָל מוז זיך די ביבליאָטעק אויסהאַלטן, דעקן דעם דעפיציט פון לייען-זאַל און זיך נאָך איינ-שאַפן נייע ביכער. סובסידיעס באַקומט די ביבליאָטעק זייער קליינע און דאָס זעלטן, כמעט אויסשליסלעך פון מאַגיסטראַט איינמאָל אין 2–3 יאָר און אַמאָל דאָס אויך ניט; פון דער קהלה האָט די ביבליאָטעק באַקומען פאַר די לעצטע דריי יאָר, וואָס זי געהערט אָפיציעל צו דער קהלה, אינגאַנצן 450 זל. די ערשטע יאָרן ביז נאָך דער דייטשער אָקופּאַציע איז די ביבליאָטעק אויס-געהאַלטן געוואָרן דורך דער ווילנער אָפּטיילונג פון דער „חברה מפיצי השכלה". שפּעטער, ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, איז די ביבליאָטעק איבער-געלאָזן געוואָרן אויף גאָטס באַראָט און האָט זיך געמוזט אויסהאַלטן אַליין, דאָס האָט זעלבסט-פאַרשטענדלעך געמוזט ברענגען צו דעפיציטן. דער יערלע-כער דעפיציט פון לייען-זאַל אַליין באַטרעפט 2500–3000 זל. און דאָך איז דער דעפיציט פון דער ביבליאָטעק צוזאַמען מיטן לייען-זאַל ביי היינטיקן טאָג פאַרהעלטנישמעסיג ניט קיין גרויסער: אומגעפער 14.000 זלאָט.

אין 1930 יאָר האָט דער פרעזידיום פון דער ווילנער קהלה באַשטימט אַ קאָמיסיע צו רעווידירן און איבערנעמען די ביבליאָטעק. נאָכן איבערנעמען איר האָט דער פרעזידיום באַשטימט אַ ביבליאָטעק-פאַרוואַלטונג אין די פערזאָנען: א. זיידשנור, א. גליקמאַן, א. פרושאַן, ד"ר דויערמאַן, י. צעמעל, מ. גאָלדבערג און עקס-אָפיציאָ – דער פאַרוואַלטער פ. קראַסני. די ביבליאָטעק-פאַרוואַלטונג האָט זיך קאָנסטרואירט אויפן פאָלגנדן אופן: א. זיידשנור – פאָרזיצער, י. צעמעל – וויצע-פאָרזיצער, א. גליקמאַן – סעקרעטאַר און מ. גאָלדבערג – גזבור. מען האָט געהאָפט, אַז ווען די קהלה וועט איבער-נעמען די ביבליאָטעק, וועט אַ דאַנק דער פינאַנציעלער אונטערשטיצונג פון

דער קהלה זיך איינגעבן אוועקשטעלן די ביבליאָטעק אויף אַזאַ הויך, אויף וועלכער זי פאַרדינט צו זיין. די קהלה האָט טאַקע אַריינגעשטעלט אין איר ביודזשעט 3000 זלאָט אַלס יערלעכע סובסידיע פאַר דער ביבליאָטעק, אָבער אויסגעצאָלט פאַר די דריי יאָר האָט מען, ווי ס'איז געוועזן אָנגעוויזן, אינגאַנצן 450 זלאָט. דער דעפיציט פון דער ביבליאָטעק האָלט דעריבער אין איין וואַקסן און אויב די פינאַנציעלע לאַגע וועט ניט פאַרבעסערט ווערן דראָעט דעם אַנשטאַלט אונטערצוגיין. די שווערע לאַגע האָט אויך געצוואונגען די ביבליאָטעק־פאַרוואַלטונג צו שליסן אין יוני 1933 דעם לייען-זאַל ביי דער ביבליאָטעק, וואָס איז בלתי ספק אַ שווערער פאַרלוסט פאַר די ברייטע מאַסן פון דער יידישער פאָלקס-אינטע־ליגענץ און יוגנט, וואָס האָבן זיך באַנוצט מיט דעם לייען-זאַל.

דאָס איז אין קורצע שטריכן דער אַלגעמיינער איבערבליק איבער דער געשיכטע און אַנטוויקלונג פון דער ביבליאָטעק „מפיצי השכלה" ביי דער ווילנער יידישער קהלה.

כדי צו דערגאַנצן דעם גאַנצן באַריכט וועלן מיר נאָך ברענגען אייניקע ציפער וועלכע גיבן אַ בולטן בילד פון דער אַנטוויקלונג און מצב פון דעם אַנשטאַלט.

די ביבליאָטעק פאַרמאָגט 44000 ביכער אין זיבן שפּראַכן: העברעאיש, יידיש, פּויליש, רוסיש, ענגליש, פראַנצויזיש און דייטש. העברעאישע — 6800, יידישע — 10000, פּוילישע — 7000, רוסישע — 19300, ענגלישע — 400, פראַנצויזישע — 350 און דייטשע — 150 ביכער.

מיר זעען אַלזאָ, אַז לויט דער צאָל ביכער שטייט אויפן ערשטן אָרט רוסיש, דאַן יידיש, פּויליש, העברעאיש א. א. וו. ווען מיר גיבן אָבער אַ קוק אויפן יאָר־באַריכט פון דער ביבליאָטעק־טעטיקייט, זעען מיר אינגאַנצן אַן אַנדער בילד. פאַרן יאָר 1932 האָט די ביבליאָטעק אַרויסגעגעבן 88264 ביכער, דערפון העברעאישע — 7516 (8,5%), יידישע — 10468 (11,9%), פּוילישע — 48802 (55,3%), רוסישע — 20223 (22,9%), און אַנדערע שפּראַכן — 1255 (1,4%).

ווען מיר קוקן זיך צו צום אומלויף־קאָאָפיציענט פון די פּוילישע ביכער זעען מיר, אַז ער באַטרעפט 7, אינדערצייט ווען אין יידיש און העברעאיש באַטרעפט ער ניט מער ווי 1. דאָס באַווייזט דייטלעך, אַז די פאָדערונג אויפן פּוילישן בוך איז זייער גרויס און פון דער צווייטער זייט, אַז די צאָל פּוילישע ביכער, וועלכע די ביבליאָטעק פאַרמאָגט, איז צו קליין. דער אומלויף-קאָאָפי־ציענט פון די רוסישע ביכער איז פאַקטיש פיל מאָל גרעסער ווי 1, ווייל מען לייענט איצט נאָר די נייסטע אויסגאַבעס.

פאַר דער גאַנצער צייט פון דער גרינדונג אָן, ד. ה. פאַר 22 אַ האַלב־יאָר האָבן זיך מיט דער ביבליאָטעק באַנוצט מער ווי 35000 מאַן און אַרויס

געגעבן איז געוואָרן 1.365.000 (איין מיליאָן דרייהונדערט זעכציק פינף טויזנט) ביכער. אין דורכשניט 60 000 ביכער אַ יאָר. דער רעקאָרד-יאָר איז דערגרייכט געוואָרן אין יאָר 1930, ווען מען האָט אַרויסגעגעבן 102.028 ביכער. צוליב דער שווערער מאַטעריעלער לאַגע, וועלכע מאַכט אוממעגלעך דאָס אײַנשאַפן נייע ביכער אין דער געהעריקער צאָל, איז פאַר די לעצטע צוויי יאָר די צאָל אַרויסגעבונגען געפאַלן, וואָס מען קאָן זען פון דער פאָלגנדער טאַבעלע:

	1930		1931		1932	
העברעאישע	10506	(10,3%)	9497	(9,9%)	7516	(8,5%)
יידישע	16175	(15,9%)	14200	(14,8%)	10468	(11,9%)
פוילישע	47655	(46,7%)	46659	(48,5%)	48802	(55,3%)
רוסישע . : . . .	2629	(26,1%)	24470	(25,4%)	20223	(22,9%)
אַנדערע שפּראַכן . . .	1063	(1,0%)	1347	(1,4%)	1255	(1,4%)
צוזאַמען . .	102028	(100%)	96173	(100%)	83264	100%)

מיר זעען, אַז אַמשטאַרקסטן איז געפאַלן דאָס אַרויסגעבן פון יידישן בוך. דאָס דערקלערט זיך הויפּטזעכלעך דערמיט, וואָס די לעצטע פאָר יאָר האָט זיך דאָס יידיש פאַרלאַגס-וועזן כמעט אינגאַנצן אָפּגעשטעלט און עס קומען ניט צו קיין נייע ביכער. העברעאישע ביכער דערשיינען, דאַקעגן, זייער פיל, הויפּטזעכלעך אין ארץ-ישראל, אָבער מיר זיינען ניט בכח זיי אײַנצושאַפן צוליבן מאַנגל אין מיטלען און צוליב זייער טייערקייט. דאָס איינציקע, וואָס האַלט אין איין וואַקסן, איז דאָס פּויליש בוך. די סיבות זיינען גאַנץ פאַרשטענדלעכע און ס'איז איבעריק זיי דאָ אויפצוקלערן.

איצט וועלן מיר באַטראַכטן די צאָל און צוזאַמענשטעל פון די לייענער. צום 1=טן יאַנואַר 1933 האָבן זיך אין ביבליאָטעק געפונען 1390 „לעבעדיקע" לייענער. לויטן סאָציאַלן מצב פאַרטיילן זיי זיך אויפן פאָלגנדן אופן: שילער — 47,9%, אַרבעטער און אָנגעשטעלטע — 16,8%, סוחרים — 4,0%, אינטעליגענטע (פרייע) פּראָפעסיעס — 12,7%, און אומבאַשטימטע (אָן פּראָפעסיעס) — 18,6%.

די פאַרטיילונג לויטן עלטער און געשלעכט:

פון 8 ביז 11 יאָר:	פון 12—15:	פון 16—20:	פון 21—30:	העכער 30 יאָר:
6,6%	21,9%	30,5%	27,6%	13,4%

מענער — 48,2% און פרויען — 51,8%.

מיר זעען, אַלזאָ, אַז דער עלטער פון 12 ביז 30 גיט דעם גרעסטן

פראַצענט לייענער. איבער 30 יאָר לייענט שוין ווייניק. די גרעסטע צאָל לייענער האָט פאַרמאָגט די ביבליאָטעק אין רעקאָרד-יאָר (1930), ווען עס האָט דערגרייכט די צאָל 1900.

ווען מיר וועלן איצט באַטראַכטן די צאָל איינגעקויפטע ביכער פאַר די לעצטע דריי יאָר וועלן מיר זען, ווי דאָס פאַרקלענערן די צאָל איינגעקויפטע ביכער רופט זיך גלייך אָפּ אויף די צאָל לייענער.

אין יאָר	1930	האָט מען	איינגעקויפט	2104	ביכער,	לייענער	1903
„ „	1931	„	„	1784	„	„	1566
„ „	1932	„	„	1040	„	„	1390

די פרייזן פון די ביכער האַלטן אין איין שטייגן. דאָס איז אפשר דאָס איינציק אַרטיקל אין היינטיקע קריזיס-צייטן, וועלכער שטייגט אין פרייז. עס איז אָבער אַ פאַרשטענדלעכע דערשיינונג, ווייל מיט דער פאַרקלענערונג פון די טיראַזשן פון די אַרויסגעגעבענע ביכער שטייגט גלייכצייטיק זייער פרייז און דאָס פאַרשווערט נאָך מער דאָס איינקויפן דעם בוך. דער דורכשניט-פרייז פון נייע ביכער איז זייער גרויס, דעריבער שטרעבט די ביבליאָטעק איינצוקויפן געניצטע ביכער.

פון די קאַסע-באַריכטן פאַר די לעצטע דריי יאָר איז צו זען וויפל ס'איז אויסגעגעבן געוואָרן אויפן איינקויף פון נייע ביכער.

	1930	1931	1932
נייע ביכער . . .	6685,14 זל.	5502,14 זל.	2807,87 זל.
איינבונד	1391,00 „	996,70 „	648,15 „

די ציפער ריידן שוין פאַר זיך אַליין.

מען דאַרף צום סוף אויך דערמאָנען די פראַגע פון אַן אייגענעם לאָקאַל. שוין יאָרן-לאַנג ווי אויפן סדר-היום שטייט די פראַגע וועגן אַן אייגענעם לאָקאַל פאַר דער ביבליאָטעק. די ביבליאָטעק האָט זיך שטאַרק פאַנאַנדערגעוואַקסן, דער לייען-זאַל איז קליין און ענג און ס'איז שוין די העכסטע צייט די פראַגע צו אַנטשיידן, בפרט, אַז די קהלה פאַרמאָגט אייגענע הויפן, וואו מען וואָלט די ביבליאָטעק געקאָנט אַריבערטראָגן.

עס איז שוין אָנגעוויזן געוואָרן, אַז דער לייען-זאַל ביי דער ביבליאָטעק האָט זיך געפונען אין צוויי קליינע צימערן, וועלכע קאָנען אַריינגעמען קוים 30—40 מאַן. און דאָך, ניט געקוקט אויף דעם, האָבן דעם לייען-זאַל באַזוכט פאַרן יאָר 1932 — 9053 מאַן און ס'איז אַרויסגעגעבן געוואָרן

5560 ביכער. אין פאַרגלייך מיט די פריערדיקע יאָרן איז די צאָל שטאַרק געפאַלן.

	1930	1931	1932
באַזוכן	12795	12259	9053
אַרויסגעגעבענע ביכער . .	7021	6519	5560

דאָס פאַלן פון באַזוכן דערקלערט זיך טיילווייז דערמיט, וואָס מען האָט שטאַרק פאַרקלענערט די צאָל צייטונגען און צייטשריפטן און אויך דערמיט, וואָס אין ווילנע האָבן אָנגעהויבן צו דערשיינען 5 און 10־גראָשנדיקע צייטונגען. אָנשטאָט אַריינגיין אין לייען־זאַל און באַצאָלן 10 גראָשן, קויפט מען שוין בעסער אַ צייטונג, און, דריטנס, און דאָס איז דאָס וויכטיקסטע – אין לייען־זאַל איז כמעט אוממעגלעך צו אַרבעטן צוליב דער איינגשאַפט.

די אַלע נויטן און פעלערן, וועלכע זיינען דאָ אָנגעוויזן אין קורצן באַריכט, לאָזן זיך לייכט פאַרריכטן, ווען מען זאָל באַקומען די נויטיקע מיטלען דערצו. אַ געזעלשאַפטלעכע ביבליאָטעק טאָר און קען זיך אַליין ניט אויסהאַלטן. אויב ביז איצט האָט די געזעלשאַפט פאַרנאַכלעסיקט אַזאַ וויכטיקן קולטורעלן אַנשטאַלט, ווי די ביבליאָטעק „מפיצי השכלה“, איז איצט, ווען די קהלה האָט איבערגענומען דעם אַנשטאַלט און האָט באַשטימט אַ נייע פאַרוואַלטונג, פאַרהאָפן מיר, אַז די ביבליאָטעק וועט אַוועקגעשטעלט ווערן אין אַזעלכע באַדינגונגען פון אַרבעט, וועלכע וועלן דערמעגלעכן אַוועקשטעלן דעם אַנשטאַלט אויף אַזאַ הויך, אויף וועלכער ער פאַרדינט צו געפינען זיך.

דער היסטאָרישער אַן-סקי-מוזיי ביי דער קהלה.

אונטער דער השפעה פון ש. אַנ-סקי און ביי דער מיטווירקונג פון י. ל. פרץ, ליפמאַן-לעווין, בן-ציון רובשטיין, בן-יעקב, א. ניישול, אינזש. פרענקעל א. א. איז דעם 14-טן מערץ 1913 אין ווילנע געגרינדעט געוואָרן אַ געזעלשאַפט „חובבי קדמוניות היהודים — ליבהאָבער פון יידישן אַלטערטום".

אין משך פון אַ קורצער צייט איז מיט נישטיקע מיטלען געשאַפן געוואָרן אַ גראַנדיעזער מוזיי, וואו ס'זיינען אָנגעזאַמלט געוואָרן קאָלאָסאַלע אוצרות פון יידישן שאַפן אויף די געביטן פון רעליגיעזן ריטואַל און לעבנסשטייגער, פון סקולפּטור, מאָלעריי, געוועב, האַפטעריי, גראַוויור, שניצעריי און מעטאַל-אויסאַרבעטונגען, ווי אויך אַ ביבליאָטעק מיט מאַסן יקר-המציאותדיקע צקועמפּלאַרן — ווערק פון פאַרשיידענע וויסנשאַפטלעכע געביטן, פון מוזיק, ליטעראַטור און פילאָזאָפיע און אַן אַרכיוו פון העכסט-וויכטיקע היסטאָרישע דאָקומענטן.

ס'איז גענוג צו דערמאָנען: די ערשטקלאַסיקע סקולפּטורן פון מרדכי אַנטאָקאָלסקי, וחום אַראָנסאָן און אליהו גינצבורג; די מאַלערייען פון ריעפּין („אַנטאָקאָלסקי דער יונגערמאַן"), פּראָפ. באַקסט (בילד פון באַרימטן פייזאַזשיסט לעוויטאַן), הירשענבערג, מיימון, גאָטליב און מינקאָווסקי; פון די מטבעות-קאָלעקציעס — פיר מטבעות פון שמעון בן מתתיהו החשמונאי, יהוחנן כהן גדול און שמעון בר כוכבא, וואָס דער נומיזמאַטיקער גראַף איוואַן טאָלסטאָי (געוועזענער פּעטערבורגער שטאָט-פּרעזידענט) האָט זיי אָנערקענט פאַר אויטענטישע; פינף און צוואַנציק אומשעצבאַרע היסטאָרישע פּנקסים; דריי פּריווילעגיעס (אָריגינאַלן), וואָס די פוילישע קיניגן אַ ווגוסט II (1697—1733) און אַ ווגוסט III (1734—1762) האָבן געגעבן די יידן פון מאָהילעווער גובערניע און פון וויטעבסק,—

באַשטעטיקונגען פון רעכט אויף פרייען האַנדל און רעכט צו קויפן אומבאַ־וועגליכע גיטער און צו בויען שולן, בתּי־מדרשים אדג״ל, — געשריבן אויף פּאַרמעט און געחתמעט בטבעת המלך; מאַסן כּתבי־ידן און אַלטע ספרים — יקר־המציאותן און אוניקאַטן.

מיט דער עוואַקואַציע פון די רוסן אין יאָר 1915 האָט מען די בעסטע חפצים, באַזונדערס גאָלדערנע און זילבערנע, אַוועקגעשיקט קיין מאָסקווע צו דער דאָרטיקער יידישער קהלה. אין דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע איז דער מוזיי נאָך מער רואינירט געוואָרן. אַ נאַציאָנאַל־קולטורעלער אוצר איז חרוב געוואָרן.

מיטן סוף פון דער דייטשער אָקופּאַציע איז געקומען די ישועה אויך פאַרן מוזיי. אין דער צווייטער העלפט 1918 איז ש. אַנ—סקי געקומען קיין ווילנע און דעם 20־טן פעברואַר 1919 איז די געזעלשאַפט באַנייט געוואָרן אונטערן נאָמען „די יידישע היסטאָריש־עטנאָגראַפישע געזעלשאַפט פון ליטע און ווייסרוסלאַנד״.

דעם גרונד־פאַרמעגן פון דער „היסטאָריש־עטנאָגראַפישער געזעלשאַפט״ האָט געבילדעט דער גאַנץ־פאַרבליבענער פאַרמעגן פון דעם מוזיי־אוצר פון דער געזעלשאַפט „ליבהאָבער פון יידישן אַלטערטום״. דערצו איז באַלד נאָך צוגעקומען דער פיינער אייגנס פון דער „היסטאָרישער קאָמיסיע״, וואָס משה שאַליט האָט געשאַפן אין דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע און וואָס האָט אויפגעזאַמלט רייכע קאָלעקציעס היסטאָרישע דאָקומענטן פון דער צייט פון דער מלחמה און אָקופּאַציע.

ס'איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ נייע פאַרוואַלטונג, וועלכע האָט געאַרבעט ענערגיש, אָבער מער פון אַלעמען און ממש מיט מסירת־נפש האָט געאַרבעט דער גרינדער און ערן־פּאָרזיצער פון דער געזעלשאַפט — ש. אַנ—סקי אַליין, וואָס האָט אָפּגעגעבן פאַר איר אַ גרויסן טייל פון זיינע אייגענע פאַרדינסטן. ס'זיינען אויפגעזאַמלט געוואָרן רייכע קאָלעקציעס פון מעמוּאַרן און בריוו פון גרויסע פערזענלעכקייטן; מאַסן פאַרשיידנאַרטיקע פּנקסים, צוואות, היסטאָרישע דאָ־קומענטן, קונסט־בילדער, רעפּראָדוקציעס און פאָטאָגראַפיעס פון וויכטיקע מענטשן, היסטאָרישע זאַכן און ערטער; פיל יאָרגענג צייטונגען, זשורנאַלן, בראָשורן און ביכער — אַנטיקן; מאַנוסקריפּטן, פאַראָרדענונגען פון פאַר־שיידענע מאַכטן און אויפרופן, ווערק פון פאָלקס־מוזיק און אַ זייער רייכער פאָלקלאָר־אוצר. די געזעלשאַפט האָט אויך אַרויסגעגעבן אַ ריי

פּנקסים, ווי דעם היסטאָרישן פּנקס, דעם מוזיקאַלישן פּנקס פון א. מ. בערנ־שטיין א. א.

צוו. אַנד. דאַרפן אויך דערמאָנט ווערן: די הונדערטער יאָרן אַלטע ספרי־תורות און מערקווירדיקע זעלטענע מגילות; די גאָלדגעשטיקטע פּרוכתן און כּפּורתן, אָריגינעלע מענטעלעך, מפּות, יאַרמלקעס, שטריימעלעך און עקזעמפּלאַרן פון פּאַרצייטיקע שטייגער־קליידער; קינסטלערישע חנוכּה־לאָמפּן, מנורות, זילבערנע לייכטער, אַלטע כּתרים, עץ־חיימס, „הדסן" און „ידן" פון זילבער, ביין און האָלץ; פּאַרצייטיקע קופּערנע כּלי־בית; זילבערנע שרייב־געצייג און טייערע חפצים פון שמואל יוסף פין, י. ל. פּרץ, יעקב דינעזאָן און ש. אַנ—סקי, ווי אויך אַ גאַנצע ריי פּרעכטיק־קינסטלערישע אַלבאָמען פון ש. אַנ—סקי און אַן אייגנאַרטיקער אַלבאָם פון י. ל. פּרץ.

אַזוי דאַרפן אויך דערמאָנט ווערן: די גראַנדיעזע ספרי תּלמוד ופּוסקים (טורים) פון די ערשטע דרוקערייען פון XVI און XVII יר"ה, די ספרי דון יצחק אברבנאל (של"ט — 1579), דער „נצח ישראל" פון מהר"ל מפּראָג פון שנת ה' שנ"ט (1599), די עלטסטע אויסגאַבן פון „שבט יהודה" לאבן נירגאַ, „בחינות עולם" לר' ידעיה הפּניני, „צמח דוד" לר' דוד גאַנז, „מעשה טוביה", „תּניא" לר' שניאור זלמן מליאַדי, „צמח צדק" לר' מנחם מענדל מליובאַוויטש, דעם ספר „הזוהר" און „מנורת המאור" (XVI און XVII יר"ה), די עלטסטע „יוסיפון" און „שארית ישראל" אין יידיש, דעם „קב הישר", „צאינה וראינה", „נופת צופים" און „רזיאל המלאך" אַ גאַנצע ריי אויסגאַבעס, די ווערק פון ר' משה חיים לוצאַטו, עמנואל הרומי און פיל אַנד.

דער רייכער אַנ—סקי־אַרכיוו (מאַטעריאַלן, געזאַמלטע אין וואָלין און פּאָדאָליע), וואָס איז לויט דער איניציאַטיוו פון פּאָרזיצער משה שאַליט גע־בראַכט געוואָרן פון רוסלאַנד דורך קאָוונע קיין ווילנע פאַר דער היסטאָריש־עטנאָגראַפישער געזעלשאַפט, איז טיילוויז איבערגעגעבן געוואָרן אין אַנ—סקי־מוזיי און טיילוויז אַלס דעפּאָזיט אין ייוו"אָ.

דער געזעלשאַפט האָבן געהערט אויך די אַרכיוון פון ווילנער ראַבינער־שול און פון ווילנער יידישן לערער־אינסטיטוט, נאָר מיט עטלעכע יאָר צוריק זיינען זיי איבערגעפירט געוואָרן אין ייוו"א, וואו זיי בילדן דעם יסוד פונ'ם פּעדאַגאָגישן מוזיי.

אין פעברואַר 1932 האָט די ווילנער יידישע קהלה איבערגענומען אויף

זיך אויסצוהאַלטן דעם לאָקאַל פון מוזיי, וואָס געפינט זיך אין איר בנין, צו באַהייצן און באַלייכטן אים און צו סובסידירן דעם סעקרעטאַריאַט. די קהלה האָט דורכגעפירט אַ גרינדלעכן רעמאָנט פון דעם גאַנצן מוזיי־לאָקאַל, וואָס מאַכט אַן אימפּאָזאַנטן איינדרוק. אַ דאַנק דער קהלה, וואָס דער מוזיי האָט צו איר אויך אַ יורידישע שייכות לויטן סטאַטוט פון דער היסט. עטנ. געז., איז מעגליך געוואָרן די פולשטענדיקע אויפלעבונג פונ׳ם גראַנדיעזן יידישן מוזיי, פונ׳ם קאָלאָסאַלן אַרכיוו און פון דער גרויסער ערשטער ביבליאָטעק.

די איצטיקע פאַרוואַלטונג באַשטייט פון פאָלגנדיקע מיטגלידער: ד״ר יעקב וויגאָדסקי — ערנפּאָרזיצער; משה שאַליט — פּאָרזיצער; אינזש. אליעזר ספּירא און ד״ר ד. י. שוסטער — וויצע־פּאָרזיצערס; אַרכ. דניאל ראָזענהויז — לייטער פון מוזיי; ד״ר וו. פּערלמאַן, ד״ר א. לערענמאַן, ז. גרינבערג, ישראל ווערבלינסקי און אברהם זיידשנור — פינאַנס־קאָמיסיע; אַדוו. י. אוצעכאָווסקי — יורידישער בעל־יועץ פון דער געז.; רעד. חיים לעווין, מגר. ישראל קלויזנער, יעקב הירשאָווסקי, חייקל לונסקי, לוי רובינאָוו, א. י. גאָלדשמידט, מ. שאַליט, ד״ר שוסטער — אַרכיוו און היסטאָרישע סעקציע; ל. רובינאָוו, יצחק שטראָשון, פּ. קראַסני, ח. לונסקי און א. י. גאָלדשמידט — ביבליאָטעק; צבי יאַשונסקי, מגר. ב. צוויבוים און סטוד. זאַקהיים — רעווידיר־קאָמיסיע; א. י. גאָלדשמידט — סעקרעטאַר פון דער געזעלשאַפט.

די געזעלשאַפט האָט קרוב 300 מיטגלידער און איז אָרגאַניזירט אין סעקציעס: קונסט און מוזיי; היסטאָריע, עטנאָגראַפיע און פאָלקלאָר; מוזיק און געזאַנג; ליטעראַטור און פרעסע; אַנ—סקי־סעקציע.

פאַר די אָנדערטהאַלבן יאָר פון דער אויפגעלעבטער טעטיקייט איז דער מוזיי באַרייכערט געוואָרן מיט זייער אַ סך ווערטפולע חפצים פון קינסטלערישן און היסטאָריש־עטנאָגראַפישן מהות. דער מוזיי פאַרמאָגט ביי הייַנטיקן טאָג ביז דריטהאַלבן טויזנט קונסטווערק און חפצים; די ביבליאָטעק — קרוב זעקס טויזנט ביכער, דער עיקר היסטאָרישע, און דער אַרכיוו — העכער פערציק טויזנט היסטאָריש־עטנאָגראַפישע דאָקומענטן און מאַטעריאַלן.

די געזעלשאַפט באַקומט סיסטעמאַטיש כמעט אַלע פעריאָדישע אויסגאַבן, וואָס ערשיינען אין פוילן, ווי אויך פון ארץ ישראל, פון די פאַראייניקטע שטאַטן, פון קאַנאַדע, פון דרום־אַפריקע. זי באַקומט כסדר מוזעאַלע און אַרכיוואַלע אוצרות און אויך ביכער פאַר דער ביבליאָטעק. אַזוי האָט זי

באַקומען גאַנצע אַרכיוון און ביבליאָטעקן: פון דער ווילנער קהלה, פון דער צדקה־גדולה, פון דער חברה מדעית (וואָס האָט זיך אין איר אַריינגעגאָסן), פון ליב עפּעל דורך זיין זון יצחק עפּעל, ד״ר יוסף רעגענסבורגס אַרכיוו און דעם אַרכיוו פון קאָר-חזן א. מ. בערנשטיין (ז״ל), דעם אַרכיוו פון ליטעראַטן-פאַראיין און אַ גאַנצע ביבליאָטעק פון אַ פריוואַטער פּערזאָן (פרוי פייגע גאָלדבורט, — 400 ביכער און בראָשורן, — צום אָנדענק פון איר זון משה-נאָטע ז״ל, וואָס איז אומגעקומען על קידוש השם חול המועד פסח תרע״ט), אויך פון אַ סך געזעלשאַפטן און יחידים.

די מוסדות פון דער היסטאָריש-עטנאָגראַפישער געזעלשאַפט זיינען אין פולן זין פון וואָרט אַ צירונג פאַר דער קהלה פון ירושלים דליטאָ.

קאָמיסיע פאר סאָצ. פארזאָרגונג.



זיצן פון רעכטס אויף לינקס: מ. ראַכמאַן, י. ווידושאַנסקי—וויצע-פאָרזיצער, א. מ. זיידשנור—פאָרזיצער, ש. ברוידא, מ. גארטי[illegible]

אָפּטיילונג פאַר סאָציאַלער הילף.

באַריכט פון דער קאָמיסיע פאַר סאָציאַלער פאַרזאָרגונג

פאַר דער צייט פון 1-טן אַפּריל 1929 ביז 31-טן דעצעמבער 1932.

איינע פון די הויפּט-פּראָגן פון די יידישע קהלות איז תמיד געווען די זאָרג פאַר די אָרימסטע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג.

די אַמאָליקע יידישע קהלות האָבן אין דער ערשטער ריי געזאָרגט פאַר יתומים און האָבן דערפאַר באַקומען דעם זייער בכבודיקן נאָמען פון „אבי-היתומים”. ס'איז קלאָר, אַז דער מצב פון די איצטיקע קהלות גיט זיי ווייט נישט קיין רעכט אויף דעם דאָזיקן נאָמען. מען מוז מודה זיין, אַז די אונ-טערשטיצונג, וואָס די קהלה טיילט אויס פאַר דער אָרימער באַפעלקערונג, איז ווייט נישט באַפרידיגענד און האָט נישט איינמאָל פאַרשאַפט גרויסע זאָרגן און עגמת-נפש די פרנסים פון דער קאָמיסיע פאַר סאָציאַלער פאַרזאָרגונג.

ווען מ'זאָל אָבער נעמען אין באַטראַכט די באַשיידענע מעגלעכקייטן פון דער יידישער קהלה אין ווילנע און די פּערמאַנענטע פּאַופּעריזאַציע פון גרעסטן טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג, מוז מען אָנערקענען, אַז די הוצאות פון דער דאָזיקער אָפּטיילונג פאַרנעמען אַן אָנגעזעענעם אָרט אין אַלגע-מיינעם קהלה-ביודזשעט און האָבן, ווי ווייט מעגלעך, געלינדערט די נויט פון דער יידישער אָרימקייט אין ווילנע.

מיט איניקע ציפערן וועלן מיר פּרובן אילוסטרירן די טעטיקייט פון דער קאָמיסיע פאַר סאָצ. פאַרזאָרגונג, וועלכע האָט צו באַצייכענען פאַר דער קורצער צייט פון איר עקזיסטענץ אַ הוצאה פון 379,966,15 גילדן, וואָס

ס׳מאַכט אויס פאַר דעם פאַרגאַנגענעם פעריאָד דורכשניטלעך אַ סומע פון 101,326 גילדן יערליך.

לויט דער גרויס פון די געמאַכטע הוצאות פאַרנעמט דעם ערשטן אָרט די פּאָזיציע פון פאַרזאָרגן די יידישע באַפעלקערונג מיט

מצה אויף פסח

און די יידישע סאָלדאַטן מיט כשר עסן אויף אַלע יום־טובים. די דאָזיקע פּאָזיציע באַטרעפט אַ סומע פון 160,225.53, וואָס מאַכט אויס דורכשניטלעך 42,725 גילדן אַ יאָר.

אויפן צווייטן אָרט גייט די פּאָזיציע פון

יתומים־פאַרזאָרגונג

מיט דער סומע 97,106.80 גילדן, וואָס מאַכט אויס דורכשניטלעך 25,900 גילדן אַ יאָר.

אַ באַדייטנדן אָרט פאַרנעמט אויך די פּאָזיציע פון

אינדיווידועלער שטיצע

מיט דער סומע פון 36,147.82 גילדן, וואָס מאַכט אויס בס״ה 10,300 גילדן אַ יאָר. דאָס געלט איז פאַרטיילט געוואָרן צווישן 5272 פּערזאָן, דערביי האָבן די אונטערשטיצונגען באַטראָפן פון 1 גילדן ביז 300 גילדן.

צום באַדויערן האָט די קהלה, צוליב מאַנגל אין מיטלען, ניט געקענט נאָכקומען אין אַ גרעסערער מאָס דער נויט פון די געפאַלענע בעלי־בתים, און האָט בלויז אין איין פאַל ערטיילט אַן אונטערשטיצונג פון 300 גילדן, צוויי פאַלן — צו 200 גילדן, דריי פאַלן צו 150 גילדן, דריי פאַלן צו 120 גילדן און פופצן פאַלן צו 100 גילדן. די איבעריקע הילף איז פאַרטיילט געוואָרן אין סומען נידעריקער ווי הונדערט גילדן.

נישט ווייניק צייט, מי און ענערגיע האָט פאַרנומען דאָס איינשטעלן אַ גענויעריקע עווידענץ פון דער נויטליידנדער באַפעלקערונג, בכדי צו פאַר־מיידן מיסברויכן און קענען רעגולירן די סאָציאַלע הילף אויף אַ מער־ווייניקער קאָנטראָלירטן אופן. דאָס איז דערגרייכט געוואָרן ערשט ענדע 1931 יאָר דורך איינפירן דריי קאַרטאָטעקן: 1) פאַר האָלץ און מצה, 2) פאַר אינדיווידועלער הילף און 3) פאַר באַקליידונג (שיך פאַר שול־קינדער).

די דאָזיקע דריי קאַרטאָטעקן האָבן דערמעגלעכט צו באַזייטיקן אַ ריי שוועריקייטן ביים אויספאָרשן דעם מצב פון די, וואָס ווענדן זיך נאָך שטיצע, ווי אויך צו פאַרמיידן די פאַלן, ווען פראָפעסיאָנעלע שנאָרער האָבן געוואָלט אויסנוצן די סאָציאַלע הילף אויף אַ ניט געהעריקן אופן.

בכלל דאַרף געזאָגט ווערן, אַז ביי דער קאָמיסיע פאַר סאָצ. פאַרזאָרגונג האָט פאַרשלונגען אַן אומגעהויערן סכום פון ענערגיע דאָס אויספאָרשן און פאַרטיילן די געלטער אויף אַזוי פיל יושרדיק, ווי ס׳איז נאָר מעגלעך געווען, בפרט, אַז צו דערגרייכן אין דעם פּרט אַ אידעאַל איז געווען זייער באַשווערט צוליב דעם, וואָס די עווידענץ פון דער אָרימקייט איז געווען אַ באַוועגלעכע און האָט זיך געהאַלטן אין איין בייטן.

דער לייטער פון דער אָפּטיילונג ה׳ בלעכמאַן איז געווען כמעט אין טעגלעכן קאָנטאַקט מיט דעם פאָרזיצער פון דער קאָמיסיע ה׳ אברהם משה זייז שנור און וועגן יעדער אויסגעגעבענעם קהל׳שן גראָשן איז דורכגעפירט געוואָרן אַ גענויע אויספאָרשונג.

שוין אַ קלענערן אָרט פאַרנעמט, לויידער, די פּאָזיציע פון

באַזאָרגן מיט האָלץ

אויף ווינטער די אָרימע יידישע באַפעלקערונג. דאָס איז דערפאַר, ווייל אין יאָר 1932 האָט די ווילנער קהלה, צוליב איר קאַטאַסטראָפאַלן מצב, נישט גע-קענט זיך פאַרנעמען מיט קיין האָלץ-אַקציע, אַזוי אַז די סומע באַטרעפט נאָר 28,413.73 גילדן פאַר אַ צייט פון דריי האָלץ-אַקציעס, וואָס מ׳אַכט אויס אויף יעדער אַקציע 9470 גילדן.

ס׳איז כדאי נאָך אונטערצושטרייכן אַ ספּעציעלע סובסידיע פאַרן ווילנער יידישן הילפס-קאָמיטעט מיט אַ סומע פון 18,000 גילדן, ווי אויך

אויף מעדיצינישער הילף

משמרת-חולים און פרויען-קליניק) אַ סומע פון 16,420.10 גילדן. וועגן די איבעריקע קלענערע הוצאות זע אין דער בייגעלייגטער טאַבעלע.

ניט געקוקט אויף דעם, וואָס

די עמיגראַציע-הילף

האָט פאַרשלונגען זייער באַשיידענע געלט-מיטלען, דאָך איז דאָס געווען איינע פון די פּראָדוקטיווסטע פּאָזיציעס אין דער אָפּטיילונג, מחמת ניט זעלטן פלעגט

מען מיט עטלעכע צענדליק גילדן אַרויסהעלפן אַ מענטשן אַרויסרייסן זיך פון תהום פון אַרבעטסלאָזיקייט און עמיגרירן דאָרט, וואו ער קען דערגרייכן אַרבעטס-פּאָזיציעס. מיט גרויס באַפרידיקונג קען מען פעסטשטעלן, אַז צענדליקער מענטשן האָבן, אַ דאַנק דער אונטערשטיצונג פון דער קהלה, באַקומען אַ מעגלעכקייט צו עמיגרירן קיין ארץ-ישראל, אַפריקע, אורוגוויי, בראַזיליען א. אַ. וו., וואו זיי האָבן זיך אַליין אײַנגעאָרדענט און אָפטמאָל געקענט שיקן שטיצע זייערע קרובים אין פוילן.

אויך דער געביט פון

פאַך-אויסבילדונג

איז פון דער קאָמיסיע פאַר סאָציאַלער פאַרזאָרגונג נישט פאַרנאַכלעסיגט געוואָרן, אַזוי אַז ביים היינטיקן טאָג לערנען זיך אין די פאַך-שולן פון יידישן פרויען-פאַראיין און „הילף דורך אַרבעט" ביז 20 תלמידים—ות, וועלכע לערנען זיך אַ פאַך (ווי שניידעריי, האַפטעריי, גאָרסעטן, סטאָלעריי, ווירטשאַפטס-קורסן א. א.) און דער שכר-למוד פאַר זיי ווערט געצאָלט פון דער ווילנער קהלה.

צום סוף איז נאָך כדאַי צו ברענגען אייניקע סטאַטיסטישע ידיעות וועגן דער אַרבעט פון דער קאָמיסיע פאַר סאָצ. פאַרזאָרגונג פאַרן יאָר 1933, וועלכע גייען ניט אַריין אין אַלגעמיינעם באַריכט. אַזוי למשל האָט די קאָמיסיע אויסגעטיילט געלט-שטיצעס במשך פון 1933 יאָר בס"ה פאַר 881 פערזאָן. אַ חוץ דעם האָבן 61 נצרכים באַקומען יעדן טאָג 73 אומזיסטע מיטאָגן אין דער „ביליקער קיך" אויפן חשבון פון דער קהלה. אויף ביידע מינים שטיצעס האָט די קאָמיסיע אויסגעגעבן אין יאָר 1933 — 15.658 גילדן (פּרעלימינירט אין ביודזשעט אויף דעם צוועק איז געווען 24.400 ג.).

די גרעסטע טייל פון די מקבלים האָבן, ווי דערמאָנט, באַקומען מאָנאַטלעכע שטיצעס. לויט דער גרויס איז די תמיכה פאַרטיילט געוואָרן אויף אַזאַ אופן: 327 פערזאָן האָבן באַקומען צו 1 גילדן, 763 פערזאָן צו 2 גילדן-456 צו 3 גילדן, 254 צו 5 גילדן, 287 צו 10 גילדן. גרעסערע סומען פון איבער 10 ביז 100 גילדן האָט מען צוטיילט 3689.35 גילדן.

אַ חוץ דער אינדיווידועלער תמיכה האָט די קאָמיסיע פאַר סאָצ. פאַרזאָרגונג אַרויסגעצאָלט דעם קליינהענדלער-פאַרבאַנד אויף צו פאַרטיילן צווישן זיינע נויטבאַדערפטיקע מיטגלידער אויף פסח 400 גילדן און דעם האַנטווערקער

פאַראיין אויף דעמזעלבן צוועק אין פעברואַר 500 גילדן און אין אַפּריל אויף פסח־שטיצע — 300 גילדן.

לויט די באַזונדערע חדשים האָט מען פאַר דעם יאָר 1933 דעם גרעסטן סכום שטיצע אויסגעצאָלט אין פעברואַר 1856,20 גילדן און די קלענסטע אין די זומער־חדשים יוני און יולי צוזאַמען 321,60 ג.

די קאָמיסיע פאַר סאָציאַלער פאַרזאָרגונג איז באַשטאַנען פון פאָלגנדע פערזאָנען:

פאָרזיצער אברהם משה זיידשנור.

וויצע-פאָרזיצער יהושע ווידוטשאַנסקי.

מיטגלידער פון קאָמיסיע: אַבראַמאָוויטש אליהו, ברוידאָ שלמה, גאָרפינקעל מרדכי, גאָרדאָן אברהם, זשעלעזניקאָוו יעקב, לובאָצקי ברוך, פינסק יעקב, ראַכמאַן מלך און שמוקלער ראובן.

דער פאָרזיצער ה׳ א. זיידשנור דריקט אויס ביי דער געלעגנהייט זיין טיפסטן דאַנק אַלע מיטגלידער פון דער קאָמיסיע, ווי אויך דעם לייטער פון דער אָפּטיילונג ה׳ ישראל בלעכמאַן פאַר זייער טיכטיקער מיטאַרבעט ביי די פאַרשיידענע הילפס־אַקציעס, וואָס די קהלה האָט געפירט במשך פון איר קאַדענץ און גלויבט, אַז די ביזאיצטיקע אַרבעט וועט מיטווירקן צו באַרייכערן די דערפאַרונג פון דער קינפטיקער קהלה אויף דעם געביט פון סאָציאַלער פאַרזאָרגונג.

ספעציפיקאַציע פון די הוצאות פון דער קאָמיסיע פאַר סאָציאַלער פאַרזאָרגונג

פאַר דער צייט פון 1/4 1929 יאָר ביז 31/12 1932 יאָר.

טאַבעלע נומ׳ 1.

	1929 1/IV 1930 1/IV	1930 1/IV 1930 31/XII	1931 I/I 1931 31/XII	1932 I/I 1932 31/XII	סך־הכל	אַלגעמיינער ס״ה
1) מצה און סאָלדאטן־קיך . . .	7.629,47	55.381,59	51.239,18	45.975,28	160.225,52	160,225,52
2) יתומים־הייזער:						
א) יתומים־הויז קאָפּאַניצע . . .	11.826,81	6.717,50	8.579,—	8.273,40	35.396,71	
ב) „ גאָלדע מאַרקס .	5.657,34	6.617,50	8.676,—	8.154,50	29.105,34	
ג) „ תלמוד־תורה . .	3.899,50	4.265,—	7.899,—	7.335,75	23.399,25	
ד) יתומים־הויז „טאָז"	1.094,50	600,—	3.600,—	2.711,—	8.005,50	
ה) מיידל־בורסע			200,—	500,—	700,—	
ו) יתומים־קאָמיטעט			500,—		500,—	97.106,80
3) אינדיווידועלע הילף	803,40	2.748,75	12.309,18	20.286,49	36,147.82	36.147,82
4) האָלץ־אַקציע	4.789,28	3.452,85	8.792,58	11.379,02	28.413,73	28.413,73
5) אונטערשטיצונג:						
א) הילפס־קאָמיטעט	—	—	8.000,—	10,000,—	18.000,—	
ב) פאַר די געליטענע פון די נאָ־ווּעמבער־געשעענישן . . .	—	—	911,54	522,60	1.434,14	
ג) אינוואַלידן־פאַראיין	—	—	200,—	50,—	250,—	
ד) נחום־אבלים	—	—	200,—		200,—	
ה) סטודענטן־פאַראיין	—	—	150,—		150,—	20.034,14

6) **מעדיצינישע הילף:**						
א) פרויען און קינדער-קליניק .	—	539,—	3.006,10	4.970,—	8.515,10	
ב) משמרת-חולים	300,—	1.995,—	1.785,—	3.825,—	7.905,—	16.420,10
7) **באַשפּייזונג:**						
א) ביליגע קיך	—	445,20	2.636,50	4.418,60	7.500,30	
ב) באַשפּייזונג פאַר שול-קינדער .	—	—	—	2.204,90	2.204,90	
ג) בית-לחם	—	—	800,—	600,—	1.400,—	
ד) מענגי-שבת	—	—	—	300,—	300,—	11.405,20
8) **עמיגראַנטן-הילף*)**	191,50	596,30	1.359,64	1.698,80	3.846,24	3.846,24
9) **עמעריטור פאַר אלמנות פון ליטעראַטן**	300,—	130,—	800,—	1.575,—	2.805,—	2.805,—
10) **באַקליידונג:**						
א) שיך פאַר שול-קינדער . . .	—	—	522,60	1.139,—	1.661,60	1.661,60
11) **זומער-קאָלאָניעס:**						
א) „ט אָ ז"	—	200,—	550,—	200,—	950,—	
ב) צ. ב. ק.	—	—	—	475,—	475,—	
ג) שול-קולט	—	—	—	175,—	175,—	1.600,—
12) **טאָג-קינדער-היימען:**						
א) פרויען-פאַראיין	—	—	—	150,—	150,—	
ב) „י אַ פּ"	—	—	—	150,—	150,—	300,—
					בס"ה . .	379 966,15

*) אין די יאָרן 1931/32 איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אויף עמיגראַציע-הילף קיין א"י 1751 גילדן און אין אַנדערע לענדער פאַר דער גאַנצער צייט—2095,24 גילדן.

ס"ה אינדיווידועלע הילף פון 1/4 1929 ביז 31/12 1932 יאָר.

טאַבעלע נומ' 2.

חדשים	1929 פערז.	1929 סומע	1930 פערז.	1930 סומע	1931 פערז.	1931 סומע	1932 פערז.	1932 סומע
יאַנואַר	—	—	37	194,10	133	2.223,90	187	1.047,50
פעברואַר	—	—	35	189,95	55	295,50	214	1.144,40
מערץ	—	—	21	123,50	94	548,20	264	1.253,20
אַפּריל	10	13,50	15	91,—	250	4.395,05	305	5.829,20
מאַי	11	14,50	32	150,55	90	397,20	241	1.558,90
יוני	9	22,90	35	140,60	68	272,22	206	763,30
יולי	16	31,—	37	153,40	57	260,50	247	1.816,15
אַווגוסט	20	111,—	40	149,50	82	663,—	286	1.088,90
סעפּטעמבער	14	118,50	80	462,60	146	748,30	297	1.696,50
אָקטאָבער	29	276,40	63	455,75	109	556,10	267	1.233,94
נאָוועמבער	14	101,60	69	370,30	120	616,80	373	1.557,50
דעצעמבער	16	114,—	42	267,—	199	1.332,41	337	1.297,—
ס"ה	139	803,40	506	2.748,75	1403	12.309,18	3224	20.286,49

ס"ה אינדיווידועלע הילף פון 1/4 1929 ביז 31/12 1932

פערז. . . 5.272 סומע . . 36.147,82 גילדן

יורידישע אפטיילונג.

די נויטן פון דער אָרימער באַפעלקערונג, סיי פון די יחידים, וואָס געפינען זיך אָפט אין אַ שווערער לאַגע און מוזן אָנקומען צו אומזיסטער יורי־דישער הילף, און סיי די צרות־הכּלל האָבן געפאָדערט פון דער קהלה־פאַרוואַל־טונג צו אָרגאַניזירן אַ ספּעציעלע יורידישע אָפּטיילונג, וואָס זאָל ערטיילן, ווי ווייט ס׳איז נאָר מעגליך, די נויטיקע הילף.

די יורידישע אָפּטיילונג איז טאַקע גיך פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ צענטער פון אַלע יידישע צרות, וואוהין יעדער איז געקומען מיט זיין „פעקל״ און מיט זיין קריוודע, און די קהלה האָט געטאָן אַלץ, וואָס איז געווען אין אירע מעגלעכקייטן, כּדי צו פאַרלייכטערן זיי. ווי ווייט די דאָזיקע הילף איז נויטיק געווען, קען מען זען פון דער גרויסער פרעקווענץ, וואָס די יורידישע ביוראָ האָט געהאַט פון אָנהויב פון איר עקזיסטענץ.

בס״ה זיינען ערטיילט געוואָרן עצות און אַנדערע מינים יורידישע הילף פאַר דער באַריכטס־צייט:

אין	1928	נאָר פאַר די מאָנאַטן נאָוועמבער—דעצעמבער	257	באַשטעט.
„	1929	. . . .	1976	„
„	1930	. . . .	2139	„
„	1931	. . . .	2226	„
„	1932	. . . .	2950	„

די אַלגעמיינע צאָל פון די ערטיילטע עצות האָט באַטראָפן 9548

על פּי רוב זיינען עס געווען אָרימקייט־צייגענישן אין שייכות מיט פאַר־שיידענע שטייער־ענינים, מעדיצינישע הילף, שכר־למוד אין שולן פון אַלערליי טיפּן, וועגן באַפרייען פון מאַטורע־אָפּצאָל אין אוניווערזיטעטן און אַנדערע הויך־שולן, אָפּצוהאַלטן עקסמיסיעס, באַפרייען פון שטעמפּל־אָפּצאָל, באַפרייען

אויסלענדישע פעקלעך פון גרעניץ-אָפּצאָל, באַפרייען פון אַדמיניסטראַטיווע געלט-שטראָפן, פון געריכט-הוצאות, אויף צו באַקומען געלט-שטיצע פון רייכע קרובים פון אויסלאַנד, באַפרייען פון אָפּצאָל ביים אַרויסנעמען מעטריקעס, אַראָפּנעמען אַ סעקוועסטער פון שטוב-חפצים (צוליב שטייער-חובות), אויף צו באַקומען באַשטעטיקונגען פון שטאָטישן אַרכיוו, ביים פאַרשרייבן ניט רעגיסטרירטע קינדער אין די מעטריקאַלע ביכער, אַרויסנעמען אויסצוגן פון די שטאַנד-ביכער, ביים באַקומען אויסלענדישע פּעסער און אַנד.

דאַן גייען באַשטעטיקונגען פאַר דער פּאָסט און אין באַנק אויף אָפּ-צונעמען קאָרעספּאָנדענץ און געלט-זענדונגען, באַשטעטיקונגען פון פּאַטאָגראַ-פיעס (צו אויסלענדיש : פּעסער און אַנד. צוועקן), באַשטעטיקונגען פון פאַר-מעגלעכקייט (אַז די עלטערן זיינען אומשטאַנד אויסצוהאַלטן זייערע קינדער אין אויסלאַנד אויף שטודיום), וועגן אידענטישע נעמען, אַנקעטעס צום עמיגראַ-ציע-אַמט אויף אומזיסטע פּאַספּאָרטן, מאָראַליטעט-צייגענישן פאַר מיטל-שולן, רעקאָמענדאַציעס אויף שטעלעס פון קאָנדוקטאָרן און שאָפערן אין „אַרבאַן", באַשטעטיקונגען פון קרובהשאַפט צו טראָגן עסן אַרעסטירטע אין טורמע, באַ-שטעטיקונגען פון אַרבעטסלאָזיקייט וכדומה.

אַ חוץ דעם עקזיסטירט ביי דער קהלה אַן

אומזיסטע יורידישע קאָנסולטאַציע.

וואָס איז טעטיק איינמאָל אין וואָך, יעדן זונטיק, און האָט פיל אויפגעטאָן פאַר דער אָרימער יידישער באַפעלקערונג. אַזאַ קאָנסולטאַציע עקזיסטירט ביי דער קהלה נאָך פון מאַי 1922. געוויינלעך פירט אָן מיט דער קאָנסולטאַציע איין אַדוואָקאַט (איזידאָר גאָרדאָן ע"ה, יוסף טשערניכאָוו און מ. סטוטשינסקי) אין צייטן אָבער פון צרות הכלל, ווי צב"ש בעת די נאָוועמבער-געשעענישן פון 1931 און בכלל אין ענינים, וואָס נעמען אַרום ברייטערע קרייזן, ווי בשעת דער אינערן-מיניסטער סקלאַדקאָווסקי האָט איינגעפירט בירגער-קאָמי-סיעס, כדי פעסטצושטעלן די בירגערשאַפט-רעכט פון די קרעס'-איינוואוינער — זיינען ביי דער קהלה טעטיק געווען ספּעציעלע אַדוואָקאַטן-קאָמיסיעס, אויף צו געבן דער יידישער באַפעלקערונג יורידישע הילף.

פאַר דער קאַדענץ פון דער איצטיקער קהלה זיינען ערטיילט געוואָרן אומזיסטע יורידישע עצות:

פאַר די מאָנאַטן נאָוועמבער–דעצעמבער	1928 —	64
פאַר דעם יאָר	1929 —	472
„ „ „ „	1930 —	410
„ „ „ „	1931 —	418
„ „ „ „	1932 —	668

דורכשניטלעך ווערן טעגליך אַרויסגעגעבן פון 5–10 עצות.

הויפטזעכליך קומט מען פרעגן עצות אין ענינים פון בירגערשאַפט, פּעסער, שטייערן, אַדמיניסטראַטיווע שטראָפן, עקסמיסיעס, מיליטער־ענינים, ירושות, ציווילע אָנגעלעגנהייטן, ווי אויך אין שטראָף און פּאָליטישע ענינים.

דער אַדוואָקאַט ערטיילט עצות און אָנווייזונגען, אַמאָל שרייבט ער אויך אָן אַ ביטע און זעט בכלל צו פאַרלייכטערן, מיט אַלע מעגלעכקייטן, די ענינים פון די אינטערעסאַנטן.

מ׳דאַרף אויך דערמאָנען די לעבהאַפטע קאָרעספּאָנדענץ, וואָס די ווילנער קהלה האָט געפירט מיט די פּראָווינץ־קהלות פון די קרעסן, וועלכע האָבן זיך אין פיל פאַלן געווענדעט צו איר נאָך אויפקלערונגען און אָנווייזונגען ביי פאַרשיידענע ספקות׳דיקע ענינים.

די יורידישע אָפּטיילונג האָט זיך באַמיט אין אַלע פאַלן צו ערטיילן די נויטיקע אָנווייזונגען און עצות און, ווי ווייט זי האָט געקענט, האָט זי פאַרלייכטערט די נויט פון דער אָרימער יידישער באַפעלקערונג אין יורידישער הילף.

בית-חיים-אָפּטיילונג.

נאָך אַ לאַנגן קאַמף האָט דעם 1-טן סעפּטעמבער 1931 די קהלה-פאַר־וואַלטונג איבערגענומען דעם גאַנצן פאַרמעגן פון „צדקה־גדולה", וואָס איז באַשטאַנען פון 10 הייזער, דער גרויסער שול, שטראַשון־ביבליאָטעק און בית-עולם.

דאָס איבערנעמען די צדקה-גדולה דורך דער קהלה איז פאָרגעקומען אויף אַזאַ אופן: הרב רובינשטיין אַלס איינציקער געזעצלעכער גבאי פון צדקה-גדולה האָט באַקומען פון ה׳ סטאַראָסטע אַן אָפיציעלן בריוו, אַז ער זאָל איבערגעבן דער קהלה די גאַנצע ווירטשאַפט פון דער צדקה-גדולה. אַזייגער 5 פאַרנאַכט האָבן זיך לעבן צדקה־גדולה צונויפגעקליבן דער פּרעזידיום פון קהלה, אין די פּערזאָנען פון די ה״ה א. קרוק, א. זיידשנור, י. שעסקין, ווי אויך די ה״ה ט. בונימאָוויטש און ב. פּרנס און אַ פאָרשטייער פון סטאַראָסטע, ה׳ ר. וואולץ. דער לעצטער האָט טעלעפאָניש אַרויסגערופן דעם הרב רובינ־שטיין, און נאָכדעם ווי ער איז געקומען אין צדקה־גדולה, איז דורכגעפירט געוואָרן דער פאָלגנדער פייערלעכער אַקט: קודם כל זיינען אַראָפּגענומען געוואָרן די חתימות פון די טירן, נאָכדעם האָט דער פאָרשטייער פון דער מאַכט איבערגעגעבן די שליסלען פון צדקה־גדולה דעם הרב רובינשטיין. דער לעצטער האָט עס פייערלעך איבערגעגעבן דעם פאָרזיצער פון קהלה-פאַר־וואַלטונג ה׳ קרוק. נאָכדעם זיינען אַלע אָפּגעפאָרן אויפן פעלד, וואו ס׳איז דורכגעפירט געוואָרן אַן ענלעכע פּראָצעדור און די שליסלען זיינען איבער־געגעבן געוואָרן דעם פאָרזיצער פון קהלה-פאַרוואַלטונג ה׳ קרוק.

צום סוף איז מען אַוועק אין שטאָט-שול, וואו מען האָט אויפן זעלבן פייערלעכן אופן איבערגעגעבן די שליסלען פון שול דעם פאָרזיצער ה׳ קרוק.

אַזוי אַרום איז פאַרענדיקט געוואָרן דער היסטאָרישער אַקט פון איבער־געבן די צדקה-גדולה אין רשות פון דער קהלה.

בית־עולם און קבורה־קאָמיסיע.

זיצן פון רעכטס אויף לינקס: מ. גאָרפינקעל, א. שטוקאַטער, א. פלאַקס — רעפערענט, מ. דין, ט. בונימאָוויטש, ה. זשוק, ב. פרנס, א. פרושאַן, ש. גורוויטש.

כדי אָנצופירן מיט דעם דאָזיקן פאַרמעגן האָט די קהלה-פאַרוואַלטונג אויסגעטיילט פאַרשיידענע קאָמיסיעס. פאַרן בית-עולם זיינען געשאַפן געוואָרן צוויי קאָמיסיעס: אַווירטשאַפטס-קאָמיסיע אין באַשטאַנד פון די ה״ה טוביה בונימאָוויטש, (פון דער ליקווידירטער „צדקה-גדולה״), שמואל גורוויטש, הערמאַן זשוק, אהרן סטוקאַטאָר, אפרים פרושאַן און מרדכי גאַרפינקל (פאַרשטייער פון דער קהלה-פאַרוואַלטונג), רודניק אברהם און שקאָלניצקי יוסף (פאַרטרעטער פון דער „חברה קדישא״) און אַ קבורה-קאָמיסיע אין באַשטאַנד פון די ה״ה משה דיין, באָריס פרנס, אהרן סטוקאַטאָר, אפרים פרושאַן און יעקב שעסקין.

די ווירטשאַפטס-קאָמיסיע פירט אָן מיט דער גאַנצער ווירטשאַפט פון בית-עולם, דאַקעגן די קבורה-קאָמיסיע באַשטימט דעם פרייז פאַר די ערטער אויפן בית-עולם און פאַר די ערלויבענישן צו שטעלן מצבות.

דער בית-עולם האָט אין דעם מאָמענט, ווען די קהלה האָט אים איבערגענומען, זיך געפונען אין אַ זייער קלאָגעדיקן מצב. די הייזער זיינען געווען פולשטענדיק רואינירט, די וועגן פאַרלאָזן און פאַרוואָקסן, די טהרה-שטיבל אין אַן אומדערלאָזבאַרן צושטאַנד, די קברים פלעגן געמאַכט ווערן אָן אַ סדר און אומעטום האָט געהערשט אַ שרעקלעכע אָפּגעלאָזנקייט.

אַלס אילוסטראַציע וועט זיין גענוג, למשל, אָנצוווייזן, אַז די נפטרים-ביכער ביזן יאָר 1897 זיינען אינגאַנצן פאַרפאַלן געוואָרן און מען ווייסט נישט וואוהין. די קברים פלעגן געמאַכט ווערן אָן שום סדר, קיינער האָט אויף דעם ניט אַכטונג געגעבן. די קרובים פון די נפטרים פלעגן פריוואַט דורכקומען מיט די ב״ע-אָנגעשטעלטע, און אַזוי אַרום אַרויסגעקראָגן דעם אָרט, וועלכן זיי האָבן געוואָלט.

די ערשטע אויפגאַבע פון דער בית-עולם-אָפּטיילונג איז געווען דעריבער איינצושטעלן אַן אָרדענונג ביים מאַכן די קברים, פעסטשטעלן די פרייזן און פאַרנומענע פלעצער, איינשטעלן פעסטע שורות, ברענגען אין אָרדענונג די א. ג. „שכנים-ביכער״ א. א. וו. צו דעם צוועק איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ גענויער פלאַן פון בית-עולם און אַ רעגולאַמין פאַר די אָנגעשטעלטע אויפן בית-עולם וואָס האָט ווירקליך איינגעפירט אַ געהעריקע דיסציפּלין.

ס'איז גלייכצייטיק איינגעשטעלט געוואָרן אַ שטענדיקע שמירה אויפן בית-עולם, מ'האָט איבערגערעמאָנטירט די טהרות, די וואַרטע-זאַלן און די שול.

ס׳איז איינגעפירט געוואָרן עלעקטרישע באַלייכטונג אויפן גאַנצן שטח פון בית-עולם, די וועגן זיינען אויסגערעגולירט געוואָרן, דער פּאַרקאַן איז געבראַכט געוואָרן אין אָרדענונג און דער גאַנצער שטח פון בית-עולם איז אָפּגערייניקט געוואָרן פונ׳ם מיסט, וואָס האָט זיך דאָרט אָנגעזאַמלט אין משך פון יאָרן.

די פראַגע פון הלבשה פאַר די נפטרים איז אויך רעגולירט געוואָרן אין דעם זין, אַז אַלע נפטרים, סיי אָרימע, סיי רייכע, באַקומען די זעלבע הלבשה, די אָרימע אָבער קריגן עס אומזיסט.

אַ ספּעציעלע אַכט איז דורך דער בית-עולם-אָפּטיילונג געלייגט געוואָרן אויף דער דעזינפעקציע, די ארונות זיינען גרינדלעך איבערגערעמאָנטירט געוואָרן.

דאָס אַרויסגעבן אינפאָרמאַציעס אי. טערעסאַנטן בנוגע נפטרים איז לויט דעם מאַטעריאַל, וועלכער איז איבערגענומען געוואָרן פון דער געוו. „צדקה-גדולה", געווען זייער באַשווערט. דער אינטערעסאַנט האָט געמוזט לכל הפחות אָנגעבן דעם יאָר, ווען דער נפטר איז געשטאָרבן און נאָך דעם האָט ער ערשט געמוזט אַ לענגערע צייט אָפּוואַרטן ביז ס׳פלעגט זיך איינגעבן צו געפינען אין די ביכער די נויטיקע ידיעות. די דאָזיקע פראַגע איז רעגולירט געוואָרן דורך דער בית-עולם-אָפּטיילונג דורכן איינפירן אַ קאַרטאָטעק פון די נפטרים.

ס׳איז אויך רעגולירט געוואָרן די פראַגע וועגן באַבלומען די קברים. צו דעם צוועק איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ ספּעציעלע בלומען-אָפּטיילונג, וואָס נעמט איבער פאַר אַ באַשטימטן אָפּצאָל די קברים אונטער איר השגחה: ווינטער ווערן די קברים אָפּגערייניקט פון שניי און זומער — באַפּוצט מיט בלומען.

די טעטיקייט פון דער בית-חיים-אָפּטיילונג פאַר די לעצטע 2 יאָר 1932—1933 (זינט דער בית-עולם געפינט זיך אין רשות פון דער קהלה) שטעלט זיך פאָר אין פאָלגנדע ציפערן:

די צאָל קבורות אין יאָר 1932:

במשך פון יאָר 1932 איז אויפן בית-עולם געבראַכט געוואָרן צו קבורה:

פאַר אַן אָפּצאָל	272	פּערזאָן
אומזיסט	450	„
צוזאַמען . .	722	פּערזאָן

אויף אַזאַ אופן האָט די צאָל אומזיסטע קבורות באַטראָפן 63 פּראָצ.

די צאָל קבורות אין יאָר 1933:

פאַר אַן אָפּצאָל . . . . . . 246 פּערזאָן

אומזיסט . . . . 457 „

צוזאַמען . . 703 פּערזאָן

דער פּראָצענט פון די אומזיסטע קבורות האָט זיך אַזוי אַרום אין יאָר 1933 נאָך פאַרגרעסערט ביז 65 פּראָצ.

די פאַרטיילונג פון די נפטרים לויטן געשלעכט און עלטער איז פאָלגנדע:

יאָר	מענער	פרויען	נופלים	ס"ה
1932	340	297	35	722
1933	302	348	53	703

ווי ס'איז צו זען פון די אויבנדערמאָנטע ציפערן איז די צאָל טויט-פאַלן במשך פון די לעצטע 2 יאָר געבליבן כמעט אויף איין מדרגה.

אינטערעסאַנט זיינען אויך די ציפערן וועגן דער שטערבלעכקייט צווישן ווילנער יידן פאַר די יאָרן 1932—33 לויטן עלטער:

שטערבלעכקייט לויטן עלטער:

יאָר	נופלים	ביז 10 יאָר	ביז 20	ביז 30	ביז 40	ביז 50	ביז 60	ביז 70	ביז 80	ביז 90	ביז 100	ס"ה
1932	43	93	24	40	43	45	106	139	138	47	4	722
1933	42	61	17	34	46	52	88	155	157	47	4	703

די שטערבלעכקייט פאַר די 2 לעצטע יאָרן (1932—33) לויט די קראַנקהייטן שטעלט זיך פאָר אַזוי:

קראַנקהייט	געשלעכט: מענער	געשלעכט: פרויען	צוזאַמען	פּראָצ.
1932				
ראַק	30	23	53	7
שווינדזוכט	26	14	40	6
זעלבסטמאָרדן	6	6	12	2
פון אַנד. קראַנקהייטן	—	—	617	85
בס"ה . . .	62	43	722	100

קראַנקהייט	געשלעכט		צוזאַמען	פּראָצ.
	מענער	פרויען		
1933				
ראַק	42	35	77	11
שווינדזוכט	20	8	28	4
זעלבסטמאָרדן	2	6	8	1
פון אַנד. קראַנקהייטן	—	—	590	84
ס"ה	64	49	703	100

צום סוף איז נאָך כדאי צו ברענגען די צאָל געשטאָרבענע דורך ראַק און טובערקוליאָז לויטן עלטער:

צאָל געשטאָרבענע דורך ראַק און טובערקוליאָז לויטן עלטער:

קראַנקהייט	ביז 10	ביז 20	ביז 30	ביז 40	ביז 50	ביז 60	ביז 70	ביז 80	ס"ה
1932									
ראַק . . .	—	—	—	5	8	11	14	15	53
שווינדזוכט .	3	6	5	6	5	8	3	4	40
זעלבסטמאָרד	—	—	7	2	—	1	2	—	12

קראַנקהייטן	ביז 10	ביז 20	ביז 30	ביז 40	ביז 50	ביז 60	ביז 70	ביז 80	ביז 90	ס"ה
1933										
ראַק . . .	—	—	—	5	11	11	25	22	3	77
שווינדזוכט. .	3	1	6	3	4	7	2	1	1	28
זעלבסטמאָרד	—	—	—	—	—	—	—	—	—	—

די ווירטשאַפטס־אַפּטיילונג ביי דער ווילנער קהילה.

אין משך פון לאַנגע יאָרן האָט זיך אין ווילנע אָנגעזאַמלט אַ גאַנץ היפּשער פאַרמעגן פון הייזער און פּלעצער, וואָס האָבן זיך געפונען אין רשות פון פאַרש־ידענע יידישע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס (צדקה־גדולה, יי״קא יידישע ראַטמענער פון שטאָט־ראַט), וועלכע האָבן מיט זיי פאַרוואַלטעט; פאַר דער געזעצלעכער יידישער קהלה איז געשטאַנען די אויפגאַבע צו קאָנצענ־טרירן דעם דאָזיקן פאַרמעגן אונטער איין צענטראַלער אָנפירונג ביי דער קהלה, בכדי צו פאַרפעסטיקן זיי יורידיש אַלס יידישן אייגנטום און איינפירן אין זיי אַ ראַציאָנעלע ווירטשאַפט, וועלכע זאָל פאַרזיכערן זייער ווייטערדיקע עקזיסטענץ און דאָס אויסנוצן זיי פאַר דער יידישער באַפעלקערונג.

